№ 50

Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צי[illegible]

Bibljot. Jagiellońska Kraków św. Anny 19

Piątek 13 grudnia 1935 | ליכט-צינדען 3.07 | פרייטאג, פ' וישלח י"ז כסלו תרצ"ו

Wszystkim, którzy oddali ostatnią posługę drogim nam zwłokom

b. p. **SALOMEI SENIOR**

składają serdeczne „Bóg Zapłać"

mąż, córka, zięć, syn i rodzina.

Spółdzielczy

Bank Handlowo - Przemysłowy

z ogr. odp. Częstochowa N. Rynek 4.

ערלעדיגט אלערליי באנק-אפעראציעס און
האט בעשטימט א ספעציעלען פאנד אויף
הלוואות פאר האנדווערקער און קליינהענדלער

P. Dyr. Szymonowi Seniorowi z Rodziną

z powodu zgonu Jego Małżonki

b. p. SALOMEI

składają wyrazy szczerego współczucia

Najmarkowie.

טעאטער „אטלאנטיק"

אנסאמבל:

גיזי היידען — פלאם - פייערדיגע סוברעטין

שלמה פריזאמענט — כאראקטער - ארטיסט

מיכאל קליין — ארטיסט און זינגער

סעם גאלדבערג — זינגענדיגער, טאנצענדיגער פייפענדיגער פעס-קאמיקער

קארל הערבסט — כאראקטער-ארטיסט

זאמין ראיע — יונגע סובריטין

גאסטשפילען פון די בעוואוסטע ליבלינגס ארטיסטען

גיזי היידען און **שלמה פריזאמענט**

מיט'ן אנטייל פונ'ם ארטיסט **מיכאל קליין**

מאנטאג, ד. 16 ד. ח. 9.15 אווענד

„אין גארטען פון ליבע"

מעלאדישע אפערעטע אין 3 אקטען מיט מוזיק פון ש. פריזאמענט

דינסטאג, דעם 17 ד. ח. 9,15 אווענד

נאכט = גנבים (נאך 12 ביינאכט)

סענס. אפערעטע אין 3 אקטען מיט א פראלאג פון ש. פריזאמענט.

אייגענער ערשטקלאסיגער ארקעסטער, רעקוויזיטען, קאסטיומען.

אין יעדער פיעסע 20 שלאגער-נומערן. פאלקס-ניגונים, דועטען, קווארטעטען א"א.

אנפיהרונג: ב. אסס — סופליאר: ש. מאנדעל

בילעטען-פארפערקויף אין דרוק. פון ה' באטשאן און אין קאסע פון טעאטער.

3 נאר 3 גאסטשפילען

אנסאמבל:

האניגבוים פישעל — פאטער-ראליסט

רעגינא גראס — מוטער-ראליסטין

פאזנאנסקא שרה — גראנדאם

ספיוואק דוד — ארטיסט און מחבר

האניגבוים לאה — גראנדאם

סאנדלער רעניא — יונגע סוברעטין

P. Dyr. Szymonowi Seniorowi z Rodziną

z powodu zgonu Jego Małżonki

b. p. SALOMEI

składają wyrazy szczerego współczucia

Samuelowie Kac.

קאלענדארען

אויפ'ן יאהר 1936 אלע סארטען

אנהויבענדיג פון 35 גר. אן בעקומט מען ביי

ישראל שמולעוויטש, אלעע 5

ציי טונגס - פונקט.

דעם קהלה-סעקרעטאר ה' **מ. וויען** און **פאמיליע** צו דער תנאים פון זייער טאכטער **אדעלא** מיט ה' **מיעטשיסלאוו ראזענבלום**

ווינשען א הערצליכען מזל-טוב

דוד פיליפאוויטש און פרוי

Głęboko dotknięci zgonem

b. p. D-ra Stanisława Płucer-Sarna

wyrażamy serdeczne współczucie ŻONIE Jego, p. GUSTAWIE SARNA, członkini Zarządu naszego T-wa.

Zarząd T-wa „Linas Hacedek"

w Częstochowie.

קארלא מארקוס — נאטאן זילבערבערג

פערלאבט

וויעלון — אין גרודזיען 1935 י. — קאליש

מזל-טוב און פיעל גליק צו די תנאים פון פרל. **קארלא מארקוס** מיט ה' **נאטאן זילבערבערג** פון קאליש. ווינשען

דוד לעווקאוויטש און פרוי, זינדעל זיגעלמאן און פ־וי

וויעלון.

ZAKŁAD ORTOPEDYCZNY

(chor. kości, stawów i reumatyczne)

D-ra med. TRAUNERA

Częstochowa, Aleja 20

Telefon 10-07.

Lampa kwarcowa. — Djatermja

Z intencji zaręczyn siostry i przyjaciółki naszej Karoli Markusówny z p. Natanem Zylberbergiem życzą szczęścia i zadowolenia

Bluma Markusówna, Dawid Chłopak, Wieluń.

דער געזעלשאפטליכער טהוערין פרוי ד"ר סארנא צוליעב'ן טויט פון איהר מאן

ד"ר סטאניסלאוו פלוצער=סארנא

דריקט אויס מיטגעפיהל

די פערוואלטונג פון „טאז".

די לאנגיעהריגע פראקטיצירטע **אקושערקע**

פ. הערץ

האט זיך איבערגעצויגען פון ווארשאווער 12

אויף **ב. יאסעלעוויטשא 15.**

ערטיילט עצות און נעמט אן געבורטען.

צו דער פערלאבונג פון פרל. **קארלא מארקוס** מיט ה' **נאטאן זילבערבערג** ווינשען פיעל גליק

אברהם גרינבוים און פרוי

בער שעראדזקי און פרוי.

א הערצליכען מזל-טוב צו דער פיירלאבונג פון פרל. **קארלא מארקוס** מיט ה' **נאטאן זילבערבערג** ווינשען

לייב בערקאוויטש און פאמיליע

וויעלון.

אונזער געעהרטע פארזיצערין פון פאטראנאט **פרוי דראווא סארנאווא** און קינדער צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער מאן און פאטער

ד"ר סטאניסלאוו פלוצער = סארנא

דריקען מיר אויס טיפען מיטגעפיהל

פערוואלטונג און עלטערן - קאמיטעט

פון קינדערהיים א. נ. פון י. ל. פרץ

אין טשענסטאכאוו.

וויעלון — PRZYJECHAŁ — וויעלון

znany okultysta chiromanta Ambrozjo

który przepowiada trafnie—naukowo z daty urodzin, z ręki, nieobecnych z fotografji lub pisma, na żądanie z lustra. OKREŚLA: charaktar, zdolności. zalety, wady i przeznaczenie. ODGADUJE: przeszłość, teraźniejszość i przyszłość. ODKRYWA wszelkie tajemnice życiowe każdego człowieka.

Wieluń, ul. Św. Barbary 4.

Przyjmuje cały dzień tylko do 18 grudnia.

בעקאנטמאכונג.

צוליעב די רדיפות אויף יודען, זייענדיג געצווינגען צו פערלאזען דייטשלאנד, האבען מיר זיך צוריק בעזעצט אין אונזער געבורטס=שטאדט

טשענסטאכאוו, בערקא יאסעלעוויטשא 1 אין הויף תאווינגע 12

וואו מיר גיבען ארויס

געשמאקע היימישע מיטאגען

צו זעהר ביליגע פרייזען.

מיט אכטונג

ס. אלטמאן, ב. יאסעלעוויטשא 1.

דער זעהר געעהרטער פרוי **דראווא סארנאווא** און **קינדער**

אין זייער צער צוליעב'ן טויט פון זייער געשעצטען מאן און פאטער

דר. סטאניסלאוו פלוצער-סארנא

אונזערע הארציגע מיטגעפיהל-אויסדרוקען

א. בראט און פרוי

וויעלון! — וויעלון

די בעסטע און ביליגסטע קוועלע פון

קויהלען

אין נייעם קויהלען=סקלאד פון

שלמה לאנדוי וויעלון שלאנסקא 1

אין טויער. אויפ'ן סערלאנג שטעל איך אהיים.

צי וועט נישט זיין צו שפעט?

שוין מיט עטליכע וואכען צוריק האבען מיר אויפמערקזאם געמאכט אויף דער נויטווענדיגקייט צו ארגאניזירען א קויהלען-אקציע פאר דער ארימער יודישער בעפעלקערונג פון אונזער שטאדט, וועלכע ווערט ממש געפרוירען פון קעלט.

האבען מיר דאך אין שטאדט א רייהע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס מיט וואוילקלינגענדע נעמען, וועלכע קומען צו דער יודישער בעפעלקערונג אין נאמען פון זייערע וואוילטאטען פאר דער ליידענדער יודישער בעפעלקערונג, טא וואו זענען זיי איצט, ווען דער פראסט קנאקט אין דרויסען און די קעלט מארדעוועט אויס די שוואכע גופים פון הונדערטער יודישע משפחות.

עפעס דערצעהלט מען, אז עטליכע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס קלויבען זיך טאקע יא צו מאכען א קויהלען-אקציע און צו דעם צוועק קומען פאר בעראטונגען, זיצונגען און מען גיט פלענער און מען וויל אלץ קאנקורירען איינער מיט'ן צווייטען. קומט טאקי די דאזיגע אינסטיטוציעס און די כלל-טהוער א הארציגער יישר-כח פאר זייער זארג און וואהלטהאט, וואס זיי זארגען פאר די ארימע און געפרוירענע.

עס בלייבט נאר צו צווייפלען, צי בעת עס וועט ענדליך רעאליזירט ווערען די דאזיגע געפלאנטע קויהלען-אקציע, צי ס'וועט דאמאלס שוין נישט זיין צו שפעט.

צי וועט מען איבערהויפט נאך דארפען מאכען א קויהלען-אקציע אויפ'ן ווינטער?

ש.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)

אונטער דער לייטונג פון אנ'אבסאלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין וואַרשא מיט לאנג-יעהריגער פראקטיק

ספעציאליטעט:

1) פארבען לויט מוסטערן,
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
3) כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושען,
4) וואשען שטייפע מענער-וועש מיט א דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ.

די פרייזען בעדייטענד ערנידריגט.

א פיינליכער אינצידענט.

ארום די פאהן-פייערליכקייטען פון דער פאווערכנע שולע נר. 13.

זונטאג, ד. 1 ד.ח. איז—ווי בעוואוסט—פארגעקומען א פייערליכע ענטהילונג פון א פאהן פון דער יודישער פאווערכנערשולע נר. 13. די פייערליכקייט איז פארגעקומען צוערשט אין דער נייער שוהל, וואו זי איז געווען פערבינדען מיט רעליגיעזע צערעמאניעס און שפעטער איז אין זאל פון די פייערלעשער פארגעקומען אנ'אקאדעמיע. די פייערליכקייט אין דער שוהל האבען צוו. אנדערע ביייגעוואוינט דער שטאדט-פרעזידענט און דער שול-אינספעקטאר און אויף דער אקאדעמיע איז אנוועזענד געווען די פרוי פון שטאדט-פרעזידענט יאדוויגא מאצקעוויטש. די פאהן-איינווייהונג אין דער נייער שוהל איז טיילוויז געווען פערבינדען מיט נישט קיין יודישע מנהגים, ווי בעשטימען טויף-עלטערן, וואס זענען בעשטאנען פון 2 פאר: דער פרעזידענט מאצקעוויטש מיט דער שול-לייטערין פרל. שאפער און דער שול-אינספעקטאר ציעשלא מיט דער אפיעקונקע פרל. אוונער.

א בעריכט וועגען דער דאזיגער פייערונג איז געווען אבגעדרוקט אין דער היגער „סלאווא טשענסטאכאווסקא" און אין צוזאמענהאנג דערמיט געפינט מען אין זונטאג'דיגען „גאניעץ טשענסטאכאווסקי" א פעליעטאן מיט א רייהע אויסצוגען פון דאזיגען בעריכט און כאראקטעריסטישע בעמערקונגען:

„איינווייהונג פון א שול-פאהן. זונטאג איז פארגעקומען אנ'איינווייהונג פון פאהן פון דער פאווערכנער שולע נר. 13, וועלכע טראגט דעם נאמען פון דער גרויסער דיכטערין מאריא קאנאפניצקא" א.ז.וו., איבריגענס זעהר שעהן, און דערנאך: „צוליעב דער פייערליכקייט איז אין דער נייער שוהל פארגעקומען א גאטעס-דיענסט, אויף וועלכער ס'זענען אנוועזענד געווען די הערשאפט..." א.ז.וו. – אבער נישט אין זיי געהט איבריגענס, אויב זיי זענען געווען איינגעלאדען, טא זאלען זיי דארט, און ווייטער: „בעת דער גאטעסדיענסט האט די תפילות אבגעריכט דער קאנטאר, א געלעגענהייטס-דרשה האט געהאלטען דער פרעדיגער. דאן איז פארגעקומען דאס אריינקלאפען די נעגיל. אלס טויף-עלטערן פון פאהן זענען געווען די ה"ה פרעזידענט..."— קיין פאמיליען-נעמען רעכען איך נישט אויס, ווייל כ'האב צוגעזאגט מיין רעדאקטאר, אז אין די דאזיגע פעליעטאנען וועל איך אויסרעכענען די נעמען נאר פון גרויסע און פערדינסטפולע מענשען אין פוילען—„און די שול-לייטערין, ווי אויך דער אינספעקטאר און די שול-אפיעקונקע. דערנאך איז אין פייערלעשער-זאל פארגעקומען א פייערליכע אקאדעמיע..." א. ז. וו. און ס'וואלט קיינער גאר נישט געהאט געגען דער דאזיגער יודישער פייערליכקייט און געגען „דערלאנגען דער פרוי פון פרעזידענט א שעהנעם בלומען-בוקעט", נאר ווי אזוי זאלען מיר, קריסטען, פאלאקען און די קריסטען-קאטאליקען – אנטיילנעמער פון די „איינווייהונגס-פייערליכקייטען", פערשטעהען די „איינווייהונג" אין א יודישער שוהל און די דאזיגע „טויף-עלטערן", וועלכע ס'זענען געווען דער ה' צייטווייליגער פרעזידענט פון אונזער שטאדט, זיכער א קאטאליק, און די לייטערין פון דער שולע נר. 13, זיכער א יודין; דער ה' שול-אינספעקטאר, זיכער א קריסט און די פר. שול-אפיעקונקע נר. 13, זיכער א יודין?

„ווען דער דאזיגער פאקט פון „איינווייהען" דעם פאהן מיט'ן בעשטימען „טויף-עלטערן" אין א יודישער שוהל, וואלט נישט געווען אויף אזויפיעל פיינליך און שווער אן-און פאר-זיך, וואלט מען געקענט, לויט'ן בעריכט, אויף וועלכען איך פעררוף זיך, די גאנצע „פייערליכקייט" אננעהמען אויף פריילין און זאגען מיט הומאר, אז עמיץ האט דארט געמוזט פון עמיצען שטארק אבחוזק'ן און איהם טרפה-מאכען, ווייל נאר אזוי קען מען בעטראכטען דאס „איינווייהען" פון א פאהן דורך א רב אין דער אנוועזענהייט פון „טויף-עלטערן", פון וועלכע איינער איז נישט קיין קריסט – ווי פייער מיט וואסער".

דערביי פאלט אן דער „גאניעץ" אויף דער „סלאווא" פאר אבדריקען דעם דאזיגען בעריכט.

דערויף האט די פרוי פון שטאדט-פרעזידענט נאבגעקדריפט אין „גאניעץ" פאלגענדע ערקלערונג:

„אין צוזאמענהאנג מיט'ן פעליעטאן, וואס איז פערעפענטליכט געווארען אין זונטאג'דיגען „גאניעץ" א.ט. „פון וואך צו וואך", טייל איך מיט, אז כ'האב נישט אנטייל גענומען נישט אין דער גאטעסדיענסט אין דער שוהל, נישט אויף דער פייערליכקייט פון איינווייהען דעם פאהן פון דער שולע נר. 13.

„אלע בעריכטען, וועלכע האבען מיך אויסגערעכענט אלס אנטיילנעהמערין אין די דערמאנטע פייערליכקייטען, שטימען נישט מיט'ן אמת".

צו דעם דאזיגען בריעף גיט דער „גאניעץ" צו א ברייטע ערקלערונג, אין וועלכער ער פאלט ווידער אן אויף דער „סלאווא", ווענענס „יודישע מיט-ארבייטער אינספירירען טענדענציעזע נישט-געשטויגענע פאקטען" און מען מאכט נעבין א בלבול אויף קאטאליקען, דאס זיי האבען אנטייל גענומען אין דער שוהל בעת א גאטעסדיענסט אדער אז „צום סוף פון דער אקאדעמיע האבען די שול-קינדער דערלאנגט א שעהנעם בלומען-בוקעט דער פרוי פון שטאדט-פרעזידענט אלס אנערקענונג פאר'ן זארגען לטובת דער שול-יוגענד".

צום סוף גיט דער „גאניעץ" א רייהע דינים וועגען איינווייהונגס-צערעמאניעס לויט די פארשריפטען פון קריסטליכען גלויבען, בעמערקענדיג, דאס די דאזיגע פארשריפטען געהערען צו די וויכטיגסטע דאגמען פון דער קריסטליכער רעליגיע.

דאס איז דער ספור-המעשה.

וואס אונז אינטערעסירט דא פון גאנצען ענין איז נישט די שטעלונג פון „גאניעץ", וועגען וועלכער מיר וויסען שוין גאנץ לאנג, אז ער נוצט אויס אלע מעגליכקייטען צו א יודען-העצע, נאר אונז געהט דא אין דער שטעלונג פון דער פרוי פון שטאדט-פרעזידענט און אין דער האנדלונג פון די ארגאניזאטארען פון דער גאנצער פאהן-פייערונג.

די פרוי מאצקעוויטש געפינט פאר נויטיג צו בעריכטיגען די נאטיץ וועגען איהר אנטייל אין די פאהן-פייערליכקייטען אויף אזא אופן, אזוי ווי זי וואלט בכלל, אפילו אויף דער אקאדעמיע, נישט געווען, און אין דעם זין טאקי האט דאס פערשטאנען דער „גאניעץ", וועלכער בעטאנט דאס מיט צופרידענהייט. וועגען דעם, אז זי איז אויף דער אקאדעמיע יא געווען און טאקי בעקומען א שעהנעם בוקעט בלומען פון די שול-קינדער, דערמאנט זי גארנישט. איהר ערקלערונג שאפט אלזא דעם איינדרוק, אז דער אנטייל פון א קריסט אין יודישע פייערליכקייטען פערדיענט טאקי געטאדעלט צו ווערען דורך דער קריסטליכער געזעלשאפט און אז די שטעלונג פון „גאניעץ" אין דאזיגען ענין איז בעגרינדעט און מען דארף זיך אין אזא פאל טאקי פערטיידיגען.

אינטערעסאנט, צי אויך איהר מאן, דער שטאדט-פרעזידענט מאצקעוויטש, וועלכער האט אפילו אנטיילגענומען אין די פאהן-פייערליכקייטען אין דער שוהל, איז אויך און דער זעלבער מיינונג!

און יעצט וועגען די יודישע ארגאניזאטארען פון די דאזיגע פייערליכקייטען:

אויפ'ן „גאניעץ" איז טאקי קיין זכות נישט צו זוכען, אבער צו דער לעצטער העסליכער געשיכטע האט דערפיהרט דאס אונפעראנטווארטליכע נאכאהמען פון קריסטליכע רעליגיעזע צערעמאניעס, ווי בעשטימען פאר'ן פאהן „טויף-עלטערן" א. ד. גל. און דערצו נאך אין א יודישער שוהל אין פערבינדונג מיט א יודישער גאטעס-דיענסט.

ערשט נישט לאנג איז אנגעוויזען געווארען אין דער היגער יודישער פרעסע די שעדליכקייט פון איינפיהרען אין דער נייער שוהל מנהגים, וואס זענען פרעמד דעם יודי'שען גייסט. אפשר וועט דעריבער דער לעצטער פאל ווייזען ווי ריכטיג ס'איז געווען דער אנגעוויזענער שטאנדפונקט און צו-וואס פאר א פאלגען אזא נאכאהמען קען ברענגען.

סעב.

א קאמיטעט צו געזעגענען דעם וויצע-סטאראסטא ביעלאווקא.

פערגאנגענעם זונטאג האט פערלאזט אונזער שטאדט דער געוו. וויצע-סטאראסטא קאזשימיעזש ביעלאווקא, וועלכער איז געווארען נאמינירט אלס סטאראסטע אין אפאטשנא.

דעם אמט פון וויצע-סטאראסטא האט ה' ביעלאווקא פערנומען זייט דעם יאהר 1929 און זיך ערווארבען אלעמענס סימפאטיע.

ווי מ'טיילט מיט, ווערט אין אונזער שטאדט ארגאניזירט א ספעציעלער קאמיטעט צו פייערען דעם אבשיעד פון סטאראסטא ביעלאווקא.

נאטשעלניק וואדעצקי פערלאזט טשענסטאכאוו.

פערגאנגענעם זונטאג האט פערלאזט אונזער שטאדט דער נאטשעלניק פון דער פערזיכערונגס-אבטיילונג ביי דער היגער אובעזפיעטשאלניע יעזשי וואדעצקי, וועלכער איז איבערגעטראגען געווארען אויף אנ'עהנליכען פאסטען קיין קעלץ.

ד"ר שעכטמאן אין טשענסטאכאוו.

ווי מיר דערוויסען זיך וועט אין אונזער שטאדט אויפטרעטען מיט א רעפעראט דער בעקאנטער פובליציסט, וועלכער איז בעקאנט אלס דער, וועלכער האט געשפילט א בעדייטענדע ראל פאר דער פערטיידיגונג פון שווארצבארד'ן, פאליטישער לייטער פון דער נ.צ.א.-עקזעקוטיוו – ד"ר שעכטמאן.

דער חשוב'ער גאסט וועט אויפטרעטען אין איינעם פון די גרעסטע זאלען דעם 22 ד.ח. פרטים אין די אפישען.

נדבות פאר דער געז. „תומכי עניים"

מ. שעפטעל 10 קילא ברויט, מ. ליבערמאן 16 קילא ברויט, ה. ל. גאבעל 10 קילא ברויט, האפער און קאסלאוויטש 1 זל.

הלכות שחיטה...

עס געהט איצט א סדרה: שחיטה, מען איז מעיין אין יורה-דעה און עס קומען פאר חלוקי דעות צווישען די פוסקים, ווי אזוי און אויף וואס פאר אנ'אופן עס זאל פארקומען די יודישע שחיטה...

דערביי ווייזען ארויס אונזערע היימישע ענדעקעס גרויס בקיאות אין דעם דאזיגען ענין. זיי ווילען, אז די יודישע שחיטה זאל פארקומען לויט'ן אמת'ן דין פון ענדעקישען שלחן-ערוך, אז אלעס זאל געמאכט ווערען אויף גלאט-כשר...

שוין א לענגערע צייט פערנעמען זיך די ענדעקעס מיט יודישער שחיטה, און נישט בלויז אין א ספעציעלען שחט-הויז, נאר אומעטים, וואו עס זענען פערהאנען יודען, ווי, למשל, אין די אוניווערזיטעטען, אויף די ירידים, אויף די גאסען און וואו עס לאזט זיך נאר.

איצט פיהרען זיי אנ'אקציע, אז היות יודען שחט'ן בהמות לויט'ן יודישען דין, זאל מען דאס פערווערען, און ווי דער שטייגער ביי אלע אנטיסעמיטען, גיבען זיי נישט אן דעם ריכטיגען מאטיוו, אז דא געהט זיי אין קאנקורענץ—ווייל ביים יוד איז ביליגער—נאר מען טראכט אויס פערשידענע לעכערליכע תירוצים, וואס רופען נאר ארויס אנ'עקעל און פעראכטונג.

זייערע טענות: לויט ווי יודען שחט'ן, ליידען די בהמות שרעקליכע יסורים, און אזוי ווי זיי, די ענדעקעס, זענען גרויסע בעלי-רחמנות, קאנען זיי נעביך נישט צוקוקען דעם צער פון די בעלי חיים און ווילען, אז מען זאל די יודישע שחיטה פערווערען. קומען אבער צו געהן די אנהענגער פון ריטועלער שחיטה און ווייזען אויף, אז ווען מען שיסט פויגעל און זיי פאלען אראב אויף ד'ערד, קלאפען זיי מיט די פליגעל פאר יסורים און די יעגער-הונד ברענגען זיי צו שלעפען נאך האלב-לעבעדיגע. אט דאס-טענה'ן די לעצטע—זענען גרעסערע יסורים, ווי עס האט א געשאכטענער אקס, וועלכען מען שניידט אדורך מיט א שארפען חלף, פונדעסטוועגען וועט קיינער חס ושלום נישט זאגען, אז מען זאל אבשאפען דעם סיסטעם פון יעגעריי. פערקעהרט, דערמיט פערנעמען זיך גאר די הויכע לייט און זיי האבען דאס גרעסטע פערגעניגען, בעת אזא אונטערגעשאסענער פויגעל אדער האז צאפעלט זיך אין זיינע יסורים און געהט אב אין בלוט. א חזיר ווידער, וועלכעס מען דערהרג'ט מיט א פאלקע און באלד נאכ'ן ערשטען קלאפ אנטלויפט עס, יאגט מען עס נאך און מען קלאפט ווייטער מיט דער פאלקע און ס'געדויערט א לאנגע צייט ביז מען טויטעט עס, האט בעשטימט מעהר יסורים, ווי דער אקס, פונדעסטוועגען פראטעסטירט קיינער נישט געגען אופן פון הרג'ענען חזירים און ס'רופען זיך נישט אב קיין צער בעלי חיים'ניקעס. דאן וואס הערט זיך עפעס מיט די ראקעס, וועלכע מען ווארפט לעבעדיגערהייט אין טאפ אריין און מען עסט דאס גאנץ געשמאק, נישט טראכטענדיג אפילו וועגען די יסורים, וואס דאס לעבעדיגע בעשעפעניש האט דערביי.

א צווייטע טענה האבען די ענדעקעס באשר צוליב דער ריטועלער שחיטה און שחיטה-געלד, קאסט פלייש טייער און די קריסטליכע בעפעלקערונג מוז אויסהאלטען די יודישע קהלות אדג"ל. אויך דער דאזיגער אויסרייד איז א פאלשער. אט, למשל, איז געווען א קאנפערענץ אין דער היגער סטאראסטווע וועגען דער זעלבער פראגע, האט דער פארשטעהער פון פוילישען צעך ה' וויעטשארעק אפען ערקלערט, אז טאקי א דאנק דער ריטועלער שחיטה צאהלט די קריסטליכע בעפעלקערונג ביליגער פאר פלייש און ווען ס'וואלט קיין ריטועלע שחיטה נישט געווען, וואלט טריפה פלייש געווען א סך טייערער; די קריסטען האבען פשוט נישט וועמען צו פערקויפען פאדער-פלייש און דעריבער מוזען זיי שחט'ן אויף כשר, כדי עס צו טוישען מיט יודישע קצבים.

מיין שכן גרונם פלטיאל, וועלכער האט געכאפט מיט מיר א שמועס וועגען דעם ענין שחיטה, האט עס מסביר געווען אויף זיין שטייגער.

ער איז אויך אין דער מיינונג, אז די אויבענדערמאנטע טענות זענען נישט מעהר, ווי אנ'אויסרייד, און פאקטיש געהט דא נישט מעהר נאר אין קאנקורענץ – די אנטיסעמיטען ווילען ארויסרייסען פון די יודענס הענד דעם דאזיגען צווייג, וואס געהער לויט זייער אויפפאסונג, אויסשליסליך צו זיי, און ער גיט עס צו פערשטעהן אויף אזא אופן:

נעמען מיר דייטשלאנד. פאר וואס אייגענטליך האט מען דארט ארויסגעגעבען די יודען-געזעצען? גאר פשוט—צוליעב קנאה און קאנקורענץ. די יודען זענען פעהיג, יודען האבען בעריכערט די דייטשע וויסענשאפט אויף אלע געביעטען, הן אין דער מעדיצין, הן אין דער קונסט, קולטור והן אין דער עקאנאמישער ווי אויך אין דער פאליטישער הינזיכט, האבען די דייטשען זיך מתקנא געווען אין די יודען און האבען זיי פעריאגט, כדי זיי אליין זאלען קאנען פערכאפען זייערע פלעצער און צונעמען זייערע פרנסות.

דאס זעלבע לערנט מען פון דער געשיכטע. אלע רדיפות אויף יודען אין מיטעלאלטער און אפילו שפעטער זענען געווען א רעזולטאט נישט פון רעליגיעזע פערפאלגונגען, נאר גאר פשוט צוליעב דער קאנקורענץ, ווייל די יודען וואס האבען זיך פערנומען מיט מסחר אדער מיט מלאכה זענען געווען פעהיגער, ווי די אנדערע איינוואוינער, האט מען דעריבער אריינגעלייגט די יראה אין דער טומאה און זיי געפעניגט כלומר'שט צוליב רעליגיעזע טעמים.

און דאס אייגענע חזר'ט זיך איבער איצט מיט די ענדעקעס און זייערע נאכשלעפער. דאס וואס זיי פרעדיגען יודען-אויסראטונג איז נישט צוליב ראסען-טעאריע אדער אנדערע טעאריעס, נאר אויך צוליעב פרנסה. מען פייניגט סטודענטען אויף די אוניווערזיטעטען, כדי ס'זאלען נישט זיין קיין יודישע אינטעליגענטען דאקטוירים, אדוואקאטען, וואס וועלען זיין פעהיגער פון די ענדעקישע קעפ, צוליעב וואס די יודען קענען האבען א גרעסערע פראקטיק און במילא קעמפט מען פאר'ן שטיקעל ברויט. דאס זעלבע איז מיט'ן מסחר און אויך מלאכה.

דאס ווידער, וואס די ענדעקעס האבען זיך איצט געווארפען אויף דער יודישער שחיטה,—איז מסביר מיין שכן—איז אויך דערפאר, ווייל זיי די אנטיסעמיטען, ווילען האבען דעם איינציגען מאנאפאל אויף דער יודישער „שחיטה", זיי ווילען זיך דערמיט אליין פערנעמען, דאס געהער צו זייער פראגראם—זיי ווילען שחט'ן...

עס זענען אומזיסט—זאגט ווייטער מיין שכן—די פערשידענע בעראטונגען פון די יודישע קהלות, דער אבוועהר-קאמף פון פערשידענע יודישע אויטאריטעטען, וועלכע ווילען אויפווייזען, אז די ריטועלע שחיטה איז נישט קיין בארבאריזם און אז צוליעב דעם איז פלייש נישט טייערער – דאס ווייסען די אנטיסעמיטען גאנץ גוט. עס האנדעלט זיך נאר וועגען א סיסטעם—זיי ווילען ווערען אפיציעלע פאטענטירטע שוחטים איבער די יודען...

אט אזוי דארף מען פערשטעהן לויט'ן נוסח פון די ענדעקעס דעם ענין פון זייער הלכות-שחיטה...

סמאל.

משה אַש

די ערשטע חברות און אינסטיטוציעס אין טשענסטאָכאָוו

.II

הקדש

אין יאהר תקצ"א (1831) האט אין פוילען געהערשט די מגפה, וואס האט געקאָסט דאס לעבען פון אַ סך טויזענדער מענשען.

די מגפה האט אויך נישט אויסגעמיטען אונזער טשענסטאָכאָוו. לויט ווי עס געפינט זיך אין פנקס דחברה קדישא וביקור חולים זענען אין פערלויף פון 3 חדשים געשטאָרבען פון דער עפּידעמיע אין אונזער שטאָדט 49 יודישע נפשות, וואס איז לויט דער צאָהל יודען פון יענער צייט, געווען זעהר פיעל.

די רעגירונג האט צוליעב דער עפּידעמיע פערבאָטען דעם פערקעהר פון מענשען פון איין שטאָדט אין דער צווייטער. דאס האט פעראורזאַכט, אַז קיין פרעמדער האט נישט געקענט אַהערקומען און דעריבער איז דער הקדש געשטאַנען לעדיג.

בכדי אויסצומיידען, אַז די קראַנקהייט זאל זיך נישט פערשפרייטען איבער דער גאַנצער שטאָדט, האבען די ראשי-הקהלה מיט דער הסכמה פון דער מאַכט בעשלאָסען אַלע יודישע עפּידעמישע קראַנקע איבערצושיקען אין דעם הקדש, וואו זיי זאלען בעקומען מעדיצינישע הילף.

די צוויי חברות „קופת הצדקה" און „חברה קדישא וב"ח" האבען זיך פעראייניגט און געשיקט זייערע מיטגלידער אין הקדש צו וואַכען טאָג און נאכט איבער די קראַנקע.

אלס פיהרער איבער'ן הקדש זענען בעשטימט געוואָרען דער גבאי דחברה קדישא וב"ח — מאיר שפירא און שוהל-וקופת הצדקה גבאי — וואָלף טעמפעל.

מאיר שפירא, געבוירען אין טשענסטאָכאָוו, איז געווען אַ בן-תורה, ער האט זיך אָבגעגעבען זיין גאַנץ לעבען מיט כלל-אַרבייט און געווען גרינדער פון דער טשענסטאָכאָווער קהלה און ערשטער דאָזאָר. ער איז געפאהרען וועגען פערשידענע שתדלנות'ער נאך וואַרשא, קאליש (גובערניע) און וויעלון (פּאָוויאַט) — אין ענינים פון דער קהלה; פערשאַפט די ערלויבניש פון דער מאַכט צו בויען די שוהל, בית-המדרש, אַ פּלאַץ פאַר'ן בית-הקברות א. א. וו. אויף אַלע שאלות צו די דאמאלסדיגע גדולי הדור, ווי אַזוי די נייע קהלה זאָל זיך נוהג זיין, איז צוזאַמען מיט'ן ב"ד, אויך געווען אונטערגעשריבען מאיר שפירא. צו יענער צייט איז ער געווען דער חשוב'סטער בעל-הבית אין אונזער שטאָדט.

וואָלף טעמפעל איז קיין בן-תורה נישט געווען, ער איז אבער געווען בעליעבט און געאַכטעט ביי אַלע פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבייט לטובת די היגע און פרעמדע אָרימעלייט. ער איז געווען דער גרינדער פון קופת הצדקה און שפעטער איהר גבאי, און זיין גאַנצע ענערגיע אריינגעלעגט אין דער חברה. נישט איינמאָל האט געטראָפען, אַז עס איז נישט געווען קיין געלד די אָרימעלייט אויסצוצאהלען, אָבער וואָלף טעמפעל האט זיך נישט אָבגעשראָקען, אַליין געגאַנגען איבער די שטובען איינקאַסירען די חובות פאַר קופת הצדקה און אויב דאס האט נישט געדעקט פאַר אַלע, האט ער פון זיין אייגענער טאַש אַרויסגעבאָרגט די נויטיגע סומע. אחוץ דעם איז ער אויך געווען שוהל-גבאי און געהאַלטען דאָרט אָרדנונג אויפ'ן בעסטען אופן.

די דאזיגע צוויי טיכטיגסטע היעגע כלל-טהוער זענען דאס געוואָרען די משגיחים פון הקדש אויף דער צייט פון דער מגפה.

ביידע גבאים האבען זיך מיט מסירות-נפש איבערגעגעבען די קראַנקע, געהאט אַ שטרענגע השגחה איבער די משמורים, אַז זיי זאלען ערפולען זייער התחייבות געהעריג, געזאָרגט, אַז זיי זאלען קומען צו קבר ישראל צו דער צייט, נישט אָבשרעקענדיג זיך פאַר קיין שום זאַך.

שבעה עשר בתמוז תקצ"א, בעת די היגע יודען זענען געווען אין שוהל לייענען „ויחל", איז געקומען צו לויפען אַ שליח מיט דער בשורה, אַז מאיר שפירא איז שלאַף געוואָרען אין הקדש און געפונט זיך אין אַ שווערען מצב. אַלע מתפללים האבען זיך געלאָזט לויפען ראַטעווען זייער מנהיג; עס איז אָבער שוין געווען צו שפעט — מאיר שפירא איז שוין געווען טויט און געפאַלען אַ קרבן פאַר זיינע ברידער.

וואָלף טעמפעל האט זיך נישט אָבגעשראָקען, זעהענדיג דעם טראַגישען סוף פון זיין חבר און זיך נאכמעהר אָבגעגעבען מיט די קראַנקע. ווען די צאהל משמורים האבען זיך צוליעב דעם טויט פון מאיר שפירא פערקלענערט, מורא האבענדיג פאַר זייער אייגענעם גוף, האט וואָלף טעמפעל אַליין געוואַכט איבער די קראַנקע און אַליין זיך מתעסק געווען מיט די טויטע. עס האבען נישט געהאָלפען די תחנונים ובקשות פון דער פאַמיליע, ער זאָל געדענקען אין זיך און אויפהערען צו וואַכען אין הקדש — טעמפעל האט ווייטער געטהון דאס זייניגע און זיך פערנומען מיט די חולאים, וואס זייער צאָהל האט זיך פון טאָג צו טאָג פערגרעסערט.

לײדער אבער האט אויך וואָלף טעמפעל מיט צוויי וואַכען שפעטער געהאַט דעם זעלבען גורל ווי זיין חבר. אנשטעקענדיג זיך אין אַ מגפה-חולה איז ער קראַנק געוואָרען און נאך דעם זעלבען טאג געשטאָרבען, אַלט זייענדיג 59 יאהר.

אַזוי זענען די צוויי ענערגישע און טיכטיגסטע כלל-טהוער אין אונזער שטאָדט, וועלכע האבען מסר געווען זייער לעבען לטובת זייערע ברידער, געפאַלען אַלס קרבנות אויפ'ן „שלאַכטפעלד".

„הומאַניסטען פון נירענבערג".

קלאַנגען און אָבקלאַנגען פון לעאָ קעניג.

ס'האבען געמוזט פארקומען גרויסע צאַנקערייען און היציגע דעבאַטען צווישען די נאַצישע „געזעצגעבער" פון נירענבערג.

די עקסטרעמיסטען פון שטרייכער'ס שולע האבען געפאָדערט, אַז די עלטער פון די ריין-אַרישע דינסטען ביי די דייטשע יודען זאל זיין פון 45 יאהר אָן און ווייטער...

די מעסיגערע און מעהר הומאַניטערע נאַצישע „סאָציאָלאָגען" און „יוריסטען" האבען געפאָדערט, אַז די עלטער פון די ריין-אַרישע דינסטען ביי די דייטשע יודען זאל נישט זיין פון 45 יאהר, נור פון 35 יאהר אָן, מיט גאַנצע 10 יאהר יונגער.

און, ווי ס'איז שוין בעקאַנט, האבען די מעסיגערע נאַצישע געזעצגעבער געזיעגט: די דייטשע יודען וועלען קענען האבען ריין-אַרישע כשר'ע דינסטען פון 35 יאהר.

וואס פאַר אַ גרויסער זיעג דאס איז פאַר די פריינד פון מענשליכען יושר און גערעכטיגקייט און פאַר אַלע עכטע אייראָפּעאישע הומאַניסטען.

און ווי דערפרעהענד איז אָט דער זיעג פון די מעסיגע נאַצים געווען פאַר די פריינד פונ'ם איצטיגען דייטשלאַנד אין ענגלאַנד און אייראָפּאַ בכלל.

„זעהט", זאגען זיי, „אפילו אין נירענבערג הערשט נאך מענשליכקייט און שכל הישר... הומאַניטערע פונקען שפריצען אויך פונ'ם פינסטערען נירענבערג... מיר האבען אויך געזאגט, אַז דער נאַצי-רעזשים איז דאך נישט אַזוי שוואַרץ, ווי מאַנכע ווילען איהם פאַרשטעלען"... די פרייד פון די דייטשע יודען מיט אָט דעם זיעג פון די מעסיגע נירענבערגער געזעצגעבער איז דאך אוודאי זיך לייכט פאַרצושטעלען.

וואס הייסט, זיי וועלען דאך קענען האבען ריינע, כשר'ע, בלאָנדע, דייטשע דינסטען פון 35 יאהר אויך און נישט בלויז 45 ווי די שטרייכערישע עקסטרעמיסטען האט זיך געוואָלט. 10 יאהר אינ'ם לעבען פון אַ פרוי איז אַ געוואַלדיגע זאַך... און אַ 35 יעהריגע דייטשקע קען נאך אויסזעהן גאַנץ יונג און אַפּעטיטשנע... ווער שמועסט, ווען מען פוצט זי אָביסעל צו און מ'שמינקט זי אָביסעל אונטער...

און די דייטשע יודען — אָט די געפעהרליכע סעקסואַליסטען און דאַן-זשואַנען — זענען איצט מלא שמחה... זייערע שוואַרצע אויגען גלאַנצען, די ליידענשאַפטליכע ליפען בעלעקען זיך אַזש.

זיי וועלען שוין קענען האבען 35-יעהריגע דייטשקעס אַלס דינסטען... און נישט נאר אַלטע 45 יעהריגע דייטשקעס.. עס וואלט דאך געווען אַזוי שרעקליך מרה שחורה'דיג אין זייערע הייזער...

זאגט אייך וואס איהר ווילט, נאר הומאַניזם און שכל הישר זענען נאך נישט אינגאַנצען בעזיעגט געוואָרען.

ס'האבען געמוזט פאַרקומען שרעקליכע צאַנקערייען צווישען די מעסיגע און עקסטרעמיסטישע נאַצישע געזעצגעבער אין נירענבערג...

און ס'קומען מסתמא נאך איצט פאַר גרויסע צאַנקערייען צווישען די הומאַניטערע און די מעהר פאַנאַטישע נאַצישע „יוריסטען" און „סאָציאָלאָגען". (די נירענבערגער געזעצגעבונג איז דאך נאך נישט געענדיגט).

אָבער די נאַצישע הומאַניטאַרען קעמפען ווי די לייבען, ווי עס גיבען איבער די גרויסע אייראָפּעאישע פּאָליטישע צייטונגען: זיי שמוגלען עס אַריין מיט אמת'ער מסירת-נפש יודישע באַבעס און יודישע זיידעס אין דער נירענבערגער געזעצגעבונג...

מיט איין וואָרט: די נאַצישע הומאַניסטען רוהען נישט. זיי קעמפען פאַר מענשליכקייט און יושר. און זייער גרויסער „קלאַסישער", קען מען זאגען, נצחון, איז לעת עתה נאך אַלץ די געוואַלדיגע הנחה, וואס זיי האבען געפועל'ט פאַר די דייטשע יודען, זיי זאלען קענען האבען 35-יעהריגע כשר'ע אַרישע דינסטען...

אַזאַ גליק! אַזאַ טובה דעם דייטשען יודענטום! ס'איז אַ גרויסער שאַד, ניין, טאַקי אַ שרעקליכער שאַד, וואס ס'איז נישט פערעפענטליכט געוואָרען — אפילו נישט אין דער נאַצישער פּרעסע — אָט די היסטאָרישע דעבאַטען און די אַרגומענטען, וואס זענען פאָרגעקומען ארום דעם אונגעהויער וויכטיגען דינסטען-פּראָבלעם אין נירענבערג צווישען די נאַצישע עקסטרעמיסטען און די מעסיגע נאַצישע הומאַניסטען.

מיר מוזען שוין מקנא זיין די צוקונפטיגע דורות פאַר דער גרויסער הנאה, וואס זיי וועלען האבען, ווען זיי וועלען לייענען די בעריכטען פון די דעבאַטען אין נירענבערג צווישען די עקסטרעמיסטען און די מעסיגע הומאַניסטען.

אונז אומגליקליכע איז נישט בעשערט צו האבען דאס גרויסע בעלעהרענדע פערגעניגען.

דאס העכסטע, וואס מיר קענען טהון איז זיך פערלאָזען אויף אונזער אָרימער פאַנטאַזיע און פאַרשטעלונגס-קראַפט; די עקסטרעמיסטען פון שטרייכער'ס שוואַרצען פליגעל האבען מסתמא געוואָלדעוועט:

„סטייטש גענאָסען, ווי קענט איהר פערטרויען יונגע 35-יעהריגע דייטשקעס צו די דאַן-זשואַנישע ליידענשאַפטליכע יודען. זיי וועלען דאך... איהר גענאָסען און קאַמעראַדען בעגעהט דאך אַליין ראַסען-שאַנדע... איהר ווייסט דאך, אַז 35-יעהריגע פרויען קענען נאך זיין גענוג רייצענד".

אַזוי האבען מסתמא גע'טענה'ט די שטרייכער עקסטרעמיסטען.

אָבער די מעסיגע און איידעלע נאַצישע הומאַניטאַרען האבען וואָרשיינליך נאך שטאַרקערע און סקעפּטיכאָלאָגישע אַרגומענטען געברויכט:

„זייט אָביסעל כאָטש מענשליך און

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

וכל מי שעוסקים בצרכי צבור...

דער פרויען פעראיין „עזרה", פערנעמט זיך — לויט זיין פּראָגראַם — מיט קומען צו הילף אָרימע קראַנקע מיט מילך און אַנדערע פּראָדוקטען. וועל איך אייך איבערגעבען וועגען אַ געוויסער אַרבייט פון דעם סימפּאַטישען פרויען-פעראיין, וואס איז אַזוי צו זאגען „נאַר-פּראָגראַממאָווע" — דאס איז די מצוה פון מלבוש-ערומים.

פערהאַנען אפילו אין אונזער שטאדט אַ ספּעציעלע געזעלשאַפט מיט דעם קלינגענדען נאמען: „מלבוש-ערומים", נאָר יענע האבען בלויז דעם נאמען און דאס גרעסטע וואס זיי טהון אין משך פון אַ גאַנץ יאהר איז אנקליידען אַ 30 קינדער מיט שיכלעך, אינדערצייט ווען די „עזרה"-פרויען זענען באמת מקיים די מצוה פון מלבוש ערומים.

שוין אַ רייהע מיט יאהרען פערנעמט זיך די „עזרה" מיט זאַמלען אַלטע מלבושים און גיט זיי אַוועק די נויטבעדערפטיגע און דאס אין אַ גרויסער מאָס.

היי יאהר איז מיר אויסגעקומען צו זיין אנוועזענד בעת אַזאַ מלבושים-פערטיילונג. מילא, דאס ווייבערישע געדרעדריי בין איך אייך מוחל, עס האט דאָרט גערוישט ווי אין אַ ביהנען-שטאָק. דאס רעדען אַזוי „שטיל" די טהוערינס פון דער „עזרה" וועגען דער פערטיילונג, און די פּרעזעסין פרוי וועקסלער לויפט אַרום מיט אַ ליסטע אין האנד און פרעגט נאָר צי מען האט אמאָל נישט פערגעסען צו פערשרייבען אַ פּאָר... קאָמבינאַציעס, אַ שירצעל אָדער גאָר אַ פּאַלטאָן. און בעת די אַנדערע מיטגלידערינס, ווי די פרויען: נעריכטער, קאַפּלאַן, ערליך, קראַמאָלאָווסקא, גליקסמאַן, ראָזען צנטפּערען, ווערט די לופט אַזש געדעכט פון ריידעכץ. נישט דאס אָבער בין איך אויסען...

אין דער שטוב איז פול מיט מלבושים, צווישען וועלכע עס געפינט זיך פון קינדערישע הייזלעך, ביז דאַמען-מאַנטלען, און אַלץ ווערט אַדורכגעקוקט און סאָרטירט און אַ סך אָרימע משפחות, וועלכע האבען נישט קיין העמד אויפ'ן לייב, קאָנען אַזוי-אַרום קומען צו אָביסעל מלבושים.

דערביי מוז מען אויך געבען אַ שבח די בנות אגודת ישראל, וועלכע פערנעמען זיך מיט'ן אויספערריכטען די צוריסענע בגדים.

אין לאָקאַל פון דער „עזרה" געהט די אַרבייט פיבערהאַפט אַלע פרויען, אַנ'ערך 15, אַרבייטען שווער ביים אויסאָרטירען און שפעטער ביים פערטיילען.

ס'קומען אָן פאַר'חושכ'טע, אויסגעדאַרטע פרויען, האַלב-נאַקעטע, וועלכע נעמען צו די פּאָר זיי אָנגעגרייטע פּעקלעך און מיט טרערען אין די אויגען און אַ ברכה אויף די ליפען, פערלאָזען זיי דעם לאָקאַל פון דער „עזרה".

אויף די דאָזיגע נשים קאָן מען זאָגען אויפריכטיג, אַז זיי זענען עוסק בצרכי צבור באמונה.

די „קרולאָווע" פערגעסט נישט אין אונז...

ווי איהר ווייסט רעזידירט די „קרולאָווע יאַדוויגאַ" שוין אַ לענגערע צייט אין דער פּוילישער רעזידענץ-שטאדט, פונדעסטוועגען פערגעסט זי נישט אין איהרע אונטערטאַנען פון טשענסטאָכאָוו און פון צייט צו צייט דערמאַנט זי אונז וועגען אונזערע פליכטען לגבי איהר, אונזער מלכה פון פּאַלעסטינא.

מיט אַ צייט צוריק האט זי אָנגעשריבען אַ גרויסען בריעף (אָהן פּאָסט-מאַרקען), אין וועלכען זי פאָדערט, אַז מען זאָל איהר איינשיקען דאס גאַנצע געלד, וואס איז אין משך פון איהר אַבוועזענהייט היעַ איינגעפלאָסען פאַר „קרן-קימת" און „קרן-היסוד" און אפילו פאַר'ן „קרן תל-חי" ווי אויך דאס געלד פון אַלע יודישע בענק, וועלכעס געהער נאָר איהר; דערביי סטראָשעט זי, אַז אויב מען וועט איהר דאס געלד נישט צושיקען אין משך פון דריי טאָג, וועט זי זיין געצוואונגען אַהער צו דעלעגירען איהר ברודער דעם „פינאַנץ-מיניסטער" שלמה וואַכהאָלץ, וועלכער וועט אַלעס איינקאַסירען מיט פּאָליציי, וואָרים זי האט שוין נישט מעהר — שרייבט זי — קיין כח אויסצוהאַלטען, זי מוז ראַטעווען דאס פאָלק ישראל.

די וואָך איז ווידער פון איהר אָנגעקומען אַ גרויסער בריעף, נאַטירליך, אויך אָהן מאַרקען, און אויף דער צווייטער זייט פון דער קאָנווערט איז צוגעשריבען פּאָלגענדע בעמערקונג אויף פּויליש: „נישט-קשה, זיי האבען מיין געלד, קאָנען זיי בעצאָהלען פאַר די פּאָסט-מאַרקען"...

ווי איהר זעהט, פערגעסט נישט די קרולאָווא אפילו פונדערווייטענס אין איהרע טרייע בירגער פון טשענסטאָכאָוו.

זיי זענען ווערט דעם שטעקען...

היות ווי חזן באַדאַש איז נאָך נישט צוריקגעקומען (בקרוב קומט ער צוריק), איז די שטאדט שוהל געבליבען כצאן בלי רועה — דאַווענט יעדען שבת אַנאַנדערער בעל הבית. און היות ווי אין דער נייער שוהל זענען פערהאַנען 2 חזנים, האבען זיך די גבאים געוואָלט אויסבאָרגען אַ חזן אויף שבת.

איז געקומען צו געהן אַ שאַלאַטען-שמש פון דעם חזן-שני פינקעלשטיין און איינגערוימט די גבאים פון דער שטאדט-שוהל, אַז אויב זיי וועלען איהם, פינקעלשטיינען איינלאַדענען, וועט ער קומען דאַווענען. איז דער גבאי ה' ניימאַן אַוועק צום חזן פינקעלשטיין און איהם איינגעלאַדענט צו קומען דאַווענען; האט ער נישט אָבגעזאגט, פערקעהרט, עס וועט זיין ביי איהם אַ כבוד, אלא וואס דען, היות ער האט איבער זיך אַ זאַזשאַנד, מוז ער פרעגען צי זיי זענען מסכים, לכן זאָלען די גבאים אָנשרייבען אַ בריעף צו דער פערוואַלטונג פון דער נייער סינאַגאָגע, אַז זיי בעטען, זיי פערלאַנגען, זיי חלש'ען, אַז דער „זאַזשאַנד" זאָל בעוויליגען צו דערלויבען דעם „פענאָמענאַלען" „אָבער-קאַנטאָר" דאַווענען ביי זיי אַ שבת. האבען די גבאים אַוועקגעשריבען אַזאַ בריעף צום זאַזשאַנד און דער זאַזשאַנד האט אויף דער זיצונג בעשלאָסען צו דערלויבען זייער חזן דאַווענען אַ שבת אין דער שטאדט שוהל.

ווען די גבאים פון דער שטאדט-שוהל האבען זיך אָבער געוואָנדען צום חזן פינקעלשטיין, אַז ער זאָל קומען דאַווענען, האט ער געזאגט: אָוושעם, יאָ, נאָר אויב איהר וועט מיר בעצאָהלען אַ הונדערטער...

זענען די גבאים פון דער שטאדט-שוהל געבליבען פערשעהמט און בחרפּותנו אַוועק ווי אָבגעשמיסען.

ערשט שפעטער האבען זיי זיך געכאַפּט, אַז די גאַנצע מעשה מיט'ן אונטערשיקען דעם שאַלאַטען-שמש וועגען דער פּראָפּאָזיציע איהם איינצולאַדענען צום דאַווענען, איז נישט מעהר געווען ווי אַ טריק אַרויסצוקריגען די איינלאַדונג, כדי די פערוואַלטונג פון דער נייער סינאַגאָגע זאָל זעהן, ווי אַזוי מען רייסט זיך איבער דעם נייעם חזן, וואס הייסט פינקעלשטיין...

די מתפללים פון דער שטאדט-שוהל לאַכען איצט פון זייערע גבאים און האבען רעכט, ווען זיי זאגען, אַז די גבאים פאַר זייער נאַרישקייט זענען ווערט דעם שטעקען...

אָט אַזוי געפעלט מיר.

די שטאדט-שוהל האט לעצטענס שבת געהאַט אַ שטיקעל סענסאַציע, דהיינו: עס האט געדאַווענט דער זאַוויערטשער חזן ה' אונגער.

פון די אַלע חזנים, וואס האבען דאַ דעביוטירט זינט חזן באַדאַש איז אַבי-

הומאניטארער צו די דייטשע יודען... האט אביסעל רחמנות אויף זייערע ליי·דענשאפטליכע נאטורען... איהר האט ביי זיי צוגענומען די מעגליכקייט צו בעזיצען שעהנע דייטשע דינסטמייד·לעך... און איהר ווילט זיי איצט מיט·אמאל געבען 45 יעהריגע... דער קאנ·טראסט איז צו·גרויס... מאכט עס כאטש 35... פערגעסט נישט, אז די וועלט און ענגלאנד קוקען זיך צו צו אונזער גע·זעצגעבונג... פערגעסט נישט, אז יודען האבען נאך איינפלוס אין אייראפא... פערגעסט נישט אין אונזער האנדעל מיט פאלעסטינא... און וואס איז נאך וויכטיגער: פערגעסט נישט אין אונזער ארבייטסלאזיגקייט... די טייוולאניש·ליי·דענשאפטליכע יודען וועלען דאך איי·גאנצען אויפהערען צו האלטען דייטשע דינסטען, ווען זיי וועלען מוזען זיין עלטער פון 45... מאכט עס 35 און העלפט דערמיט דעם דייטשען פאלקס·טום... און וואס היט איהר אזוי דעם כבוד פון די 35-יעהריגע פרויען?... זיי ועגען דאך שוין נישט קיין ליבע אונ·שולדיגע „באק·פיש'עך"...

און די מעכטיגע סאציאל·עקאנאמישע סעקסועל·הומאניטארע ארגומענטען פון די מעסיגע נאצישע יוריסטען האבען געזיגט...

נאטירליך, מיט דער גרויסער ווייט·זיכטיג · שטאאטסמענערישער אינטער·ווענץ פונ'ם אלערהעכסטען פיהרער אליין.

אבער, ווי געזאגט, איז אונזער מענשליכע פאנטאזיע צו ארעם זיך פאר·צושטעלען גענוי, וואס ס'איז פארגע·קומען אין נירענבערג בשעת דער גרוי·סער היסטארישער דעבאטע.

און נאך 'פיעל שווערער איז זיך פארצושטעלען, ווי עס זעהען אויס אט די היסטארישע מיטינגען פון די ני·רענבערגער שדכנות'דיגע געזעצגעבערס.

איך ווייס נישט פארוואס, נאר מיר דערמאנט זיך א בילד פון דעם אמא·ליגען בעריהמטען רוסישען מאלער רע·פין, וואס איז אמאל זעהר פאפולער געוועזן אין רוסלאנד.

דאס בילד שטעלט פאר ווי די שכור'ע קאזאקישע אטאמאנען שרייבען א קאמישען בריעף צום טערקישען סולטאן.

די פעטע קארקען קנייטשען זיך, די פולע בייכער קוועלען און קארטשען זיך... די שיכור'ע פערלאפענע אויגען שפריצען מיט געלעכטער .. עמער בראנ·פען...

און דאס שרייבעל—א מין קאזאקי·שער, להבדיל, ד"ר געבעלס—שרייבט, וואס די בגלופינ'דיגע אטאמאנען דיקטי·רען...

— — — — — — — — —

נאר מיר מעגען שוין מקנא זיין די צוקונפטיגע דורות:

זיי וועלען עס מסתמא לייענען און זעהען די פראכטפולע קאמעדיע, וואס וועט הייסען:

„די הומאניסטען פון נירענבערג".

רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו.

1.

אין טאג פון כ"ה תשרי ה'תק"ע, דאס הייסט מיט 126 יאהר צוריק אין 1809, איז נסתלק געווארען דער בע·ריהמטער בערדיטשעווער רבי לוי יצחק זצ"ל, וועלכער איז אויך פעראייביגט געווארען אין איינעם פון די שענסטע יודישע פאלקס לידער, אין דעם „בער·דיטשעווערס קדיש", איז אין פיעל וואונדערבארע לעגענדעס און מעשה'·לעך, דער גרעסטער יודישער שריפט·שטעלער י. ל. פרץ האט אויך וועגען איהם פערפאסט א מעשה'לע: „און אפשר נאך העכער".

רבי לוי יצחק איז נעבוירען געווא·רען ארום דעם יאהר 1740 און איז גע·ווען דער זוהן פון הרב ר' מאיר, דער רב פון זאמאשטשער קרייז, עס ווערט דערצעהלט, דאס דער בעל שם טוב אליין האט געזאגט וועגען דעם גע·בורט פון בערדיטשעווער דאס פאל·גענדע: „ווען דער בערדיטשעווער האט געהאלטען ביים געבוירען ווערען, האט דער שטן זיך בעקלאגט, אז פון איצט אן און ווייטער וועט ער מעהר נישט האבען וואס צו טהון, ווייל דער בער·דיטשעווער וועט קענען יעדען יודען בעאיינפלוסען, אז ער זאל ווערען א צדיק; אבער גאט האט איהם גענטפערט: „ערגער זיך נישט, ער וועט ווערען א רב, און פאלגליך וועט ער זיין פערנומען מיט קהל'ישע ענינים"... אט דאס מעשה'לע קען אפילו פער·טייטשט ווערען אלס א קריטיק פון בעל שם געגען רבנות און קהל'ישע ענינים, ער מיינט, אז אפילו דער גרעסטער צדיק, אז ער ווערט א רב ווערט ער ארייגעשלעפט אין קהל'ישע קליינליכקייטען און פערלירט פון זיין גייסטיגער השפעה. אבער דאס מעשה'·לע גיט אויך א כאראקטעריסטיק פון דעם בערדיטשעווער רבי און ווי גרויס אפילו דער בעל שם האט איהם גע·האלטען.

לוי יצחק ווען ער איז געווען יונג, פלעגט ער פאהרען צו דעם מעזרי·טשער מגיד, הערען זיין תורה, און ער איז געווארען א אויסערגעוועהנ·ליכער הייסער חסיד. דאס האט איהם אבער נישט געשטערט צו דער עלטער פון צוואנציג יאהר צו ווערען רב אין ריטשוואל, און מיט א יאהר שפעטער רב אין פינסק, ער איז געווען א רב און נעפראיעט חסידיש'ע מישען, דאס חסידות האט דורכגעדרינגען זיין גאנצע נשמה. דורך די פערפאלגונגען געגען חסידיזם, וועלכע האבען זיך דאמאלט ענטוויקעלט אין ליטע און אין די ארו·מיגע געגענדען, האט ער געמוזט פער·לאזען פינסק און איז אויפגענומען גע·וואָרען אלס רב אין זשעליכאוו. ער האט אלס זשעליכאווער רב געפיהרט א הייסען ויכוח מיט דעם בריסקער רב, א בעריהמטער מתנגד און ענדליך אין 1785 איז ער אויפגענומען געווא·רען אלס רב אין בערדיטשעוו.

עס ווערט איבערגעגעבען, או רבי לוי יצחק, ווען ער האט אנגענומען די שטעלע אלס רב אין בערדיטשעוו האט ער געשטעלט א בעדינג, אז די קהלה מנהיגים זאלען איהם נישט רופען צו קיין זיצונגען סיידען ווען זיי וועלען זוכען צו בעשטימען דורכצופיהרען עפעס א נייע זאך. אין שייכות דערמיט ווערט אויך דערצעהלט פאלגענדעס: איין מאל האבען די מנהיגים בעשלא·סען צו פערבאטען די יודישע ארימע לייט צו געהען בעטען נדבות, אנשטאט דעם זאל מען שאפען אנ'עפענטליכען פאנד זיי צו שטיצען. מ'האט גערופען דעם בערדיטשעווער רב צו דער זי·צונג, אויף וועלכען מען האט געוואלט דאס דורכפיהרען, ווען ער האט דער·הערט אין וואס עס האנדעלט זיך, האט רבי לוי יצחק זיך אנגערופען: „פאר וואס האט איהר מיך גערופען?" „וואס הייסט—האבען די מנהיגים גע·ענטפערט:—דאס איז דאך א נייע זאך". איהר האט א טעות—האט דער בער·דיטשעווער צדיק זיי בעמערקט—דאס איז אזוי אלט ווי סדום, אין סדום און עמורה האט מען אויך פערבאטען ארי·מע לייט צו בעטען, עס קען זיין אז דארט איז אויך געווען עפעס א עפענ·טליכער באנד וועגען שטיצען; דער ציוועק דערפון איז געוועזן, אז די ריי·כע זאלען זיין פריי נישט צו דארפען קומען פנים לפנים מיט דער ארימ·קייט"..

די גרעסטע אייגענשאפט פון דעם בערדיטשעווער רבי איז געווען, וואס ער איז געווען איינער פון די התלה·בות'דיגסטע צדיקים. ער האט געברענט מיט א היילינען פלאם. מען האט אויף איהם געזאגט, אז ער איז אנגעצונדען מיט דעם פלאם פון דער שכינה. ער האט אויך מתפלל געווען מיט א גע·וואלדיגען ברען, מען האט געזאגט, אז די גרעסטע מתנגדים האבען געמוזט בעקעהרט ווערען צום חסידיזם, ווען זיי האבען געהערט דעם בערדיטשעווער'ס תפילות מען פלעגט אויך זאגען אז ביי אלע, וועלכע האבען געהערט דעם בערדיטשעווער רבי'ן דאווענען, פלעגט זיך זיי שטעלען די האר קא·פויר און דאס הארץ איז זיי ציגאנגען; מיט אזוי פיעל ציטערניש און פלא·טערניש פלעגט ער מתפלל זיין.

פאר דעם יודישען פאלק האט דער בערדיטשעווער געהאט די גרעסטע שע·צונג. ער האט אין יודען בלויז גע·זעהן גוטעס און שעהנעס: ער פלעגט ערקלערען: „מיר זאלען נישט וואגען צו זאגען א שלעכט ווארט אויף יודען, מיר מוזען זיי שטענדיג פערטיידיגען."

מען דערצעהלט, אז אמאל האט דער בערדיטשעווער געהערט א מגיד זא·גען מוסר יודען, פארוואס זיי היטען נישט די מצוות און טרעטען גאט'ס געבאט. דער בערדיטשעווער האט דער·ביי געווענדעט די אויגען צום הימעל און געזאגט: „רבונו של עולם, דער דאזיגער מגיד מאכט ביטערע פאר·וואורפען זייגע קינדער, ווייל ער דארף די עטליכע מטבעות, וואס מען גיט געוועהנליך דעם וואנדערנדען מגיד, גיב איהם, גאטעניו, די פאר מטבעות אויף אנ'אנדערן אופן און זאל ער נישט דארפען זאגען רכילות אויף דעם עם·ישראל".

מען דערצעהלט אויך, אז דער בער·דיטשעווער האט אין א תשעה באב געזעהען א יודען עסען בפרהסיה, ער איז צו איהם צוגעגאנגען און איהם געזאגט: „דו האסט הפנים פערגעסען, אז היינט איז תשעה באב". „ניין, איך האב נישט פערגעסען" — האט געענט·פערט דער יוד. „וואס'זשע דען, דו פיהלסט זיך אפשר נישט מיט אלעמען"? — האט ווייטער געפרעגט דער צדיק. „אה ניין!" — האט געזאגט דער יוד — איך פיהל זיך גאנץ גוט"! „דער בער·דיטשעווער האט אויפגעהויבען די אוי·גען צום הימעל און געזאגט: „רבונו של עולם, דו זעהסט ווי די יודען הא·בען ליעב דעם אמת, אפילו ווען א יוד זינדיגט, זאגט ער נישט קיין שקר".

מען דערצעהלט אויך, אז אין א יום כפור האט ער געזאגט: „זעה, רבונו של עולם, ווען דו זאלסט ערלויבען אנ'אנדער פאלק א טאג פאר א תענית צו עסען און טרינקען, וואלטען זיי זיך זיכער איבערגעפרעסען און אנגעשיכורט און זיי וואלטען שוין געשלאפען און נישט געבעטען אין דעם טאג פון תענית, אבער דיין פאלק ישראל זעה, אלע ווי איינער געפינען זיך אין שוהל, נישטא צווישען זיי קיין שיכור, וואס זאל פערשלאפען, און קיין יוד איז נישט געבליבען ליגען אין שטוב מחמת ער האט זיך איבערגעגעסען, אלע שטעהען זיי בארוויס פאר דיר, זיי פאסטען און בעטען רחמים!"

ראש השנה פלעגט דער בערדיטשע·ווער אנהויבען זיין דאווענען מיט א זמר, אט טאקע מיט דעם זמר, וואס איז פערוואנדעלט געווארען אין דעם גוט בעקאנטען פאלקס ליעד, ער פלעגט אזוי זאגען פול מיט הארציגער נגינה: „איך לוי יצחק בן שרה מברדיטשעוו בין געקומען פאר דיר בעטען אויפ'ן כלל ישראל, וואס האסטו צו דיין פאלק ישראל? ווי נאר, וואס „דבר אל בני ישראל". צו וועמען רעדסטו: „אל בני ישראל? איך פרעג דיך, וואס האסטו צו די בני ישראל? דו האסט דאך אזוי פיעל פעלקער: כשדיים, בבליים, פרסיים, אמוריים און דאך האסטו פונקט צו די בני ישראל. מען מוז דרינגען: חביבין ישראל שנקראו בנים למקום; יודען זענען געליבטע, אז זיי ווערען גערופען גאט'ס קינדער, ובכן ברוך אתה אלהינו"...

עס ווערט אנגעגעבען, אז דער בער·דיטשעווער איז אזוי ווייט געגאנגען אין זיין ליבע און פערטיידיגונג פון די יודען, אז ער האט איינמאל אויס·גערופען: „רבונו של עולם, אויב די וועסט ארויסגעבען א הארבע גזירה געגען יודען וועלען מיר, די צדיקים נישט דורכפיהרען דיינע בעפעהלען.

היסטאריקוס.

(פארטז. קומט.)

מוטערס!
זוכט נישט קיין ביליגע געלעגענהייטען, נאר פאדערט שטענדיג אין די אפטייקען און אפטייק·סקלאדעס פאר אייערע קינדער דעם בעסטען הייל-טראן

GOLD-MEDAL

נארוועגישער הייל · טראן פון דער אלוועלטליכער מארקע

GOLD-MEDAL

ענטהאלט א שטאנדאריזירטע צאהל וויטאמינען „א" און „דע", און נעמליך 500 וויטאמינען „א" און 250 וויטאמינען „דע" אויף 1 גראם.

GOLD-MEDAL געדענקט דעריבער, נאר

wyrobu firmy Oluf Holm A|S Ltd. Aalesund (Norwegja)
w butelkach z niebieską etykietką.

סעל געפאהרען צו די „שווארצע" מענשען, האט דער לעצטער אמבעס·טען אויסגענומען, און דער עולם האט באמת מקבל-נחת געווען און אפילו די באדאשיסטען האבען געמוזט אנער·קענען, אז דער זאוויערטשער חזן ה' אונגער איז א כלי-מפואר.

גלייכצייטיג איז דעם פערגאנגענעם שבת פארגעקומען די בר·מצוה-פייע·רונג פון חזן באדאש'ס א יונגעל, וועלכער האט נאכ'ן מפטיר, וואס ער האט בעקומען, געהאלטען א זעהר שענע רעדע אין העברעאיש און אויך אין יודיש. צוגעגרייט צו דעם האט איהם דער בעקאנטער אין אונזער שטאדט פראפ. וויינבערג, וועלכער האט אריינגעלייגט אין דעם יונגעל'ס מויל זעהר שעהנע הארציגע ווערטער, וואס האט געמאכט א גוטען איינדרוק ביי די מתפללים.

ווי ס'הייזט אויס, פיהרט מען זיך נאך אין דער שטאדט-שוהל אויפ'ן אל·טען פערצייטישען שטייגער. דאס בר·מצוה-בחור'ל האט זיין רעדע געהאל·טען אויף העברעאיש און אה גאט—אויף יודיש. איהר הערט, אין א מקום קדוש האט ער „געוואגט" צו רעדען אויף די דאזיגע צוויי לשונות. אין דער נייער סינאגאגע, למשל, וואלט מען פאר אזא עבירה איהם דורס גע·וועז, זיי וואלט דאס זיכער נישט גע·פאלען, מיר אבער געפעלט דאס זעהר גוט.

אנדערע צייטען...

בעת א רעדע פון שלום אש, וועלכע ער האט געהאלטען מיט עטליכע יאהר צוריק אין טשענסטאכאוו, האט ער בנוגע דעם יודישען אחדות געזאגט פאלגענדען געדאנק:

ביי יודען איז א מנהג אויף א חתונה זיך צו קריגען ווייל דא האט מען בעליידיגט א פעטער פון דער כלה, דא האט מען נישט גוט בעהאנ·דעלט א מוהמע פון חתן און אין מי·טען דערינען האט מען גאר פערגעסען צו בעטען אויף דער חתונה א גע·שוועסטער-קינד... קורץ, זעלטען אז מען זאל זיך אויף א יודישער חתונה נישט צוקריגען. דאגעגען אויף א לויה ר"ל דארף מען קיינעם נישט בעטען, נאר אלע קומען צוגעהן און אלע זענען אדורכגענומען מיט איין געפיהל—מיט טיעפען רחמנות, ביי אלע הערשט איינהייט.

אט דער דאזיגער משל האט געוואלט דיענען אלס בעווייז, אז ווען ס'איז יודען גוט, קריגען זיי זיך ארום צווי·שען זיך, און נאר ווען ס'קומט אויף זיי רחמנא לצלן א צרה—פעראייניגען זיי זיך.

איך וויל נישט איצט רעדען וועגען נמשל, נאר טאקע וועגען משל, וועל·כער איז היינט גאנץ אנדערש ווי אמאל.

איך נעם דעם ביישפיעל אין אונזער משפחה. אמאל, ווען עמיצער פון דער משפחה האט חתונה געמאכט א זוהן אדער א טאכטער, איז זיך צונויפגע·פאהרען די גאנצע משפחה און עס איז געווען א יום טוב, וואס האט זיך פער·שלעפט א פאר טאג. היינט אבער קו·מען דאך שוין נישט אויף קיין שמחה אפילו די נאהנטסטע משפחה, נאר זא·גאר ווען חס ושלום אויף א לויה, קומט מען אויך שוין נישט.

יענע וואך איז פארגעקומען א לויה פון איינער פון אונזער משפחה, א פרוי, וועלכע איז געווען דאס שיינדיל פון אונזער גאנצע פאמיליע. א טאכ·טער פון דעם זעהר געשעצטען און בעליבטען פעטער אונזערען, און צו דער לויה זענען קוים געקומען א פאר געצעהלטע מענשען פון דער משפחה.

און דאס איז נישט נוגע בלויז אונ·זער משפחה, נאר ביי אלע יודישע משפחות איז מסתמא אזוי.

דאס איז א סימן פון דער צייט, די מענשען זענען געווארען עגאאיס·טישער און טראכטען נאר וועגען זיך אליין...

שלום אש'ס משל, האט פערלוירען זיין ווערט, ווייל עס זענען היינט אנ·דערע צייטען...

„באטשנאשטש"...

אלע אלגעמיינע פערזאמלונגען, וואס זענען פארגעקומען ביז איצט ביי די יודישע קאמבאטאנטען, זענען געווען שטורמישע. קודם כל האט מען גע·האלטען לאנג-מעטערדיגע רעדעס און פון דעם אלעם האט זיך אויסגעלאזט א בוידעס. יא, די רעדעס האבען גע·בראכט דערצו, אז די קאמבאטאנטען, האבען אפילו פערלוירען דעם אייגע·נעם לאקאל און געמוזט אנקומען צום חסד פון דער יודישער קהלה, וועלכע האט זיי אויסגעבארגט א צוויי שטיב·לעך פאר זייער סעקרעטאריאט.

די לעצטע אלגעמיינע פערזאמלונג אבער, וועלכע איז פארגעקומען די וואך, איז שוין געשטאנען אונטער'ן צייכען פון רוהיגער זאכליכער ארבייט.

אין פרעזידיום זענען געזעסען כמעט בלויז דאקטוירים, סאמע אפיצירען, ווי: ד"ר שלייכער, ד"ר סט. קאהן, ד"ר סאבאל (פארזיצער) און ד"ר וויזענ·פעלד. דאס מיליטער אבער, וואס איז געזעסען אויף די אונטערשטע בענק איז געווען דיסציפלינירט און אויף אלע פראגען געענטפערט: „טאק יעסט" מיט אפלאדיסמענטען.

אויף דער דאזיגער רוהיגער פער·זאמלונג האבען זיי טאקע בעשלאסען צו דינגען אנ'אייגענע דירה, ווי אויך צו מאבען א פאהן. דאס איז דער בעסטער בעווייז, אז די קאמבאטאנטען הויבען ווירקליך אן צו זיין א פאראיין מיט אלעמען גלייך.

סיי·ווי זענען די טומלער, וועלכע האבען שטענדיג נאר געהאלטען גרוי·סע דרשות בעזייטיגט געווארען פון פעראיין און עס זענען געבליבען בלויז די יעניגע, וועלכע קאנען די מיליטער·דיענסט און ווייסען דעם פשט פון „באטשנאשטש"...

„ניעוויערני יאק זשיד"..

דערצעהלט מיר ח' עפשטיין פאל·גענדען פאקט:

שפאצירענדיג אין דער אלעע, האט ער בעמערקט, ווי א קריסטליכע דינסט, וועלכע האט געפיהרט א יונגעלע אין דער שולע אריין, האט זיך דערויף אנ·געבייזערט און אויפגעשריגען: יעסטעש ניעוויערני יאק זשיד".

אנקוקענדיג דאס קינד האט דער ה' ע. דערזעהען, אז ס'איז א יודיש קינד. פרעגט ער איהם, ווי ער הייסט און ווערט געוואויר, אז דאס איז א זוהנ·דעלע פון א היגען יודישען דאקטאר, וועלכער איז א נאציאנאלער יוד.

איך האב נאר דערצעהלט דעם פאקט, כדי די עלטערען זאלען זיך נישט בע·גניגען בלויז מיט דער ערציהונג פון קינד אין דער שולע און אויך נישט בלויז אויף די הויזליכע ערציהונג, נאר זיי מוזען אויך אכטונג געבען, אז די קריסטליכע דינסט, בעת זי פיהרט דאס קינד אין דער שולע, זאל זי עס נישט דערווייל אויפ'ן וועג פערגיפטען מיט איהר אנטיסעמיטישען סם...

לויתן.

א גרויסע מאסען-פערזאמלונג פון קאמיטעט פאר ענינים פון יודישער מלאכה.

דער קאמיטעט פאר די ענינים פון יודישער מלאכה האט פערגאנגענעם זונטאג אין אווענד גערופען א גרויסע אינפארמאציע - פערזאמלונג וועגען די הנחה-עקזאמענס פאר געזעלען און לערן-יונגלען.

די פערזאמלונג איז פארגעקומען אין זאל פון האנדווערקער-פערבאנד און פערזאמעלט ביז 200 געזעלען און יוגענדליכע.

אין נאמען פון קאמיטעט עפענט די פערזאמלונג ראטמאן י. גאלדבערג און גיט דאס ערשטע ווארט דעם דיר. אינזש. פושיסקער, וועלכער ערקלערט די אויפגאבען פון די לערן-יונגלען, וועלכע דארפען בעזוכען די אווענט-קורסען, כדי צו קאנען שפעטער בעקומען געזעלען-בעשייניגונגען. אלע שילער, וועלכע ענדיגען די אווענט-קורסען דארפען באלד בעלעגען די עקזאמענס, כדי נישט צו פערנאכלעסיגען זייערע אייגענע אינטערעסען.

א גרעסערען רעפעראט וועגען דעם אינדוסטריע-געזעץ און וועגען די הנחה-עקזאמענס פאר געזעלען בפרט האלט ה' א. וויענער, שילדערענדיג די אלע עפאכען, וואס די האנדווערקער זענען אדורכגעגאנגען זייט דעם 27-טען יאהר אן, ד. ה. זינט דאס אינדוסטריע-געזעץ איז ארויס ביז'ן היינטיגען טאג. ה' וו. ווייזט אן צוו. אנד., אז אינדערצייט ווען אויף דער פוילישער גאס בעציהט מען זיך צו די אלע פראגען ערנסט, ווערט עס אויף דער יודישער גאס גרינגשעצט און דאס רופט זיך אב פאטאל אויף דער עקזיסטענץ און צוקונפט פון יודישען בעל-מלאכה.

דער רעפערענט ווענדעט זיך צו די געזעלען, וועלכע האבען א פאזיטיווע שטעלונג צו די עקזאמענס, אז זיי זאלען נישט פערנאכלעסיגען און אויסנוצען דעם לעצטען טערמין, כדי צו בעקומען די געהעריגע קוואליפיקאציע-פאפירען, אזוי ווי עס פאדערט דאס אינדוסטריע-געזעץ.

דער ראטמאן פון דער האנדווערקער-קאמער ה' ש. קאץ גיט איבער אביסעל סטאטיסטיק, ווי אזוי עס זעהען אויס עקזאמענס ביי קריסטליכע בעלי-מלאכות און ווי אזוי עס זעהט אויס ביי די יודישע בעלי-מלאכות, ווי אויך ביי די יודישע געזעלען.

דאס לעצטע ווארט נעמט ראטמאן י. גאלדבערג, וועלכער אפעלירט צו אלע פערזאמעלטע, אז זיי זאלען זיך נישט לייכטשעצען און אויסנוצען די געלעגענהייט, וואס דאס געזעץ זעהט פאר פאר די הנחה-עקזאמענס.

גלייכצייטיג מעלדעט דער רעדנער, אז ס'איז געעפענט געווארען א סעקרעטאריאט אין דער האנדווערקער-שולע, וועלכער איז טעטיג יעדען טאג פון 5—7 אווענד און ערטיילט אלע אינפארמאציעס וועגען דאזיגען ענין.

———————

ווי מען טיילט אונז מיט, ווענדען זיך אין סעקרעטאריאט פאר די ענינים פון דער יודישער מלאכה יעדען טאג א גרעסערע צאהל געזעלען נאך אינפארמאציעס וועגען די הנחה-עקזאמענס.

איבערפאלען אויף יודישע יאטקעס אין סטראדאם

ה' וואלף קראקויער האט געמאלדען אין דער קאנצעלאריע פון דער יודישער קהלה פאלגענדעס:

שבת-צו-נאכטס דעם 11 ליסטאפאד, צווישען 6 און 8 א זייגער האבען זיך פאר דער יאטקע פון זיין פאטער זיסקינד קראקויער (סטראדאם, פיאסטאווסקא 93) און אויך פאר דער יאטקע פון זיין פעטער שמואל קראקויער (פיאסטאווסקא 81), ארומגעדרעהט גרופען צו 15—20 יונגע ענדעקעס, וועלכע האבען נישט אריינגעלאזט אין זייערע יאטקעס קיין קריסטליכע קונים און די דאזיגע קונים, וועלכע האבען זיך מיט די דראהונגען פון די כוליגאנעס נישט גערעכענט, זענען ביים ארויסגאנג בעגעגענט געווארען מיט פערשידענע זידלערייען.

וועגען דעם דאזיגען געשעהעניש האט ה' קראקויער געמאלדען אין געהעריגען פאליציי-קאמיסאריאט און אן אבשריפט פון דער מעלדונג איבערגעשיקט אין דער סטאראסטווע און אין דער פאליציי-קאמענדע.

היינטיגען שבת-צו-נאכטס, דעם 7-טען ד. ח. האבען זיך ווידער איבערגעחזרט די דאזיגע איבערפאלען און דאס אין א שארפערען אופן, דערביי האבען די כוליגאנעס אויסגעהאקט די שויבען אין דער וואוינונג פון ה' זיסקינד קראקויער. ווען דער אנוועזענדער פאליציאנט האט געוואלט אויסלעגיטימירען צוויי פון די כוליגאנעס, האבען די איבריגע בעווארפען איהם מיט פערשידענע אויסגעשרייען.

קאמוניקאט פון סוחרים-און פאבריקאנטען-פעראיין.

דערמיט גיבען מיר צו וויסען די מיטגלידער פון סוחרים און פאבריקאנטען פעראיין, אז עס איז ערשינען א צירקולאר פון פינאנץ מיניסטעריום וועגען הגחות ביים אויסקויפען פאטענטען אויפ'ן יאהר 1936. די פעראינטערעסירטע מיטגלידער קענען זיך ווענדען נאך גענויע אינפארמאציעס און קאנקרעטע פאלען צום סעקרעטאריאט פון סוחרים-און פאבריקאנטען פעראיין, וועלכער איז טעטיג יעדען טאג מיט'ן אויסנאהם פון פרייטאג פון 6 ביז 9 אווענד.

גלייכצייטיג זענען מיר מודיע, אז אזוי ווי אלע יאהר, וועט דער סוחרים און פאבריקאנטען פעראיין, אנהויבענדיג פון 15 דעצעמבער ד. י. פערנעמען זיך מיט אויסקויפען פאטענטען פאר זיינע מיטגלידער.

הלוואות פאר האנדווערקער און קליינהענדלער.

די ניי-געוועהלטע פערוואלטונג פון דער קאאפעראטיווער האנדעלס-און אינדוסטריע-באנק נ. מארק 4 האט אלס ערשטע שריט אין איהר טעטיגקייט צו בעפרידיגען די אינטערעסען פון אלע שיכטען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג בעשלאסען צו בעשטימען א גרעסערען פאנד אויף קליינע הלוואות ביז 300 זל. פאר האנדווערקער און קליינהענדלער.

אין דער צייט פון היינטיגען קריזיס און שווערער פינאנציעלער לאגע פון די האנדווערקער-און קליינהענדלער-מאסען איז די האנדלונג פון דער קאאפעראטיווער האנדעלס-און אינדוסטריע-באנק זעהר נוצליך און בעמערקענס-ווערט.

א גראנדיעזער חנוכה קאנצערט.

שבת, דעם 28 טען ד. ח. (זאת חנוכה), וועט אין זאל פון „מכבי" פארקומען א גראנדיעזער קאנצערט איינגעארדענט דורך דער פערוואלטונג פון דער גמילת-חסד-קאסע אגראדאווא 6, מיט'ן אנטייל פון בעוואוסטען חזן פון דער נייער שוהל ה' אליעזר פינקעלשטיין, וועלכער וועט געבען א הערליכען פראגראם פון זיין בעסטען רעפערטואר. סיי סינאגאגאלע ווי אויך פאלקס לידער, אקאמפאנירען וועט דער בעוואוסטער מוזיקער ה' ע. שמולעוויטש.

די גאנצע הכנסה געהט פאר דער גמילת חסד-קאסע, וועלכע פיהרט אן אינטענסיווע טעטיגקייט און בארגט ארויס צעהנדלינער בעלי-מלאכות און קליינהענדלער הלואות.

דאס גיט די גאראנטיע, אז דער זעהר אינטערעסאנטער קאנצערט וועט אונטערשטיצט ווערען דורך די ברייטע יודישע געזעלשאפט.

קאמוניקאט פון „ועד עליה" אין טשענסטאכאו.

לויט די אנווייזונגען פון צענטראלען פאל.-אמט איז זונטאג, דעם 8-טען ד.ח. אין לאקאל פון „מזרחי" פארגעקומען א קאנפערענץ פון די פארשטעהער פון פ"צ, ציונים און מזרחי וואו ס'איז אויסגעארבייט געווארען די ריכטליניען און קאמפאמענץ ארבייטס פלאן פון היגען ועד. דאס זיץ ארט פון ועד-עליה געפינט זיך אין לאקאל פון מזרחי, אלעע 10 און וועט זיין טעטיג יעדען מאנטאג און דאנערשטאג צווישען 7—8 אווענד.

פערזענליכעס.

ה' מרדכי שטייניץ, דער זוהן פון היגען אנגעזעהענעם סוחר ה' יצחק שטייניץ האט בעקומען דעם דאקטאר-דיפלאם, נאכ'ן פערענדיגען די מעדיצינישע שטודיען אין פראג, באזעל און „סטעפאן באטארי"-אוניווערזיטעט אין ווילנא.

דער עלטערן-קאמיטעט ביים יודישען גימנאזיום פאר'ן בוי פון אנ'אייגען הויז.

דעם 1-טען דעצעמבער איז פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון עלטערן-קאמיטעט, אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט כמעט אלע עלטערן, וועלכע האבען זייערע קינדער אין יודישען גימנאזיום. די עלטערן האבען מיט גרויס פרייד און אנערקענונג גענומען צו קענטניש דעם פאקט, אז עס איז ענטשטאנען דער בוי קאמיטעט און בעגריסט די איידעלע איניציאטיווע פון קאמיטעט, וועלכער וויל שוין אין אנהויב פריהלינג צוטרעטען צופ בוי פון הויז.

אלס צייכען פון אנערקענונג האבען די פערזאמעלטע עלטערן בעפולמעכטיגט דעם קאמיטעט אויסצוצאהלען 1000 זל. אויפ'ן צוועק פון בוי און א חוץ דעם איינצוארדנען אויפ'ן געקויפטען פלאץ א גליטש פאר די קינדער פון דער שול און זייערע געשוויסטער.

די פערזאמעלטע עלטערן האבען זיך אויך אלע פערפליכטעט צו פראפאגירען אין זייער בעקאנטען קרייז די אידעע פון אנ'אייגען הויז פאר'ן גימנאזיום און אויף יעדען רוף פון בוי-קאמיטעט צו נעמען א טעטיגען אנטייל אין דער זאמעל אקציע.

פון „השומר הדתי".

אין איינקלאנג מיט דעם בעשלוס פון דער הנהגה הראשית וועגען דער פראקלאמירונג א רעארגאניזאציע אין די קנים קומט ווייטער פאר די רעארגאניזאציע פון קן ווי אויך א פרישע איבערדעקלארירונג פון אלע אחים-ות.

דער חודש כסלו אלס ווערבירונגס-חודש ווערט ווייטער פארטגעזעצט. עס איז צוגעקומען א גרעסערע צאהל פרישע שומרים-ות. עס זענען אויך רעארגאניזירט געווארען אלע קבוצות אין קן און עס איז נארמאליזירט געווארען זייערע שיעורים און שיחות לויט דעם אנגעצייכענטען פלאן פון דער ועדת התרבותית.

פרייטאג 7 אווענד קומט פאר א שיעור-דינים. שבת 2 נאכמ. קומט פאר א פינה עבוית געפיהרט דורך אה לאנדסמאן. 3 נאכמ. א אסיפת הקן.

יוד. סאצ. ארב.-פארטיי „פועלי-ציון" (צ. ס.)

אין הסכם מיט'ן רעגולאמין צו דער בעפארשטעהענדער לאנדעס קאנפערענץ ווערט דאנערשטאג, דעם 19 ה. ח. אבגעשלאסען די וועהלער-רשימה לויט די אויסגעקויפטע פארטיי-לעגיטימאציעס.

אין צוזאמענהאנג מיט דער בעפארשטעהענדער לאנדעס-קאנפערענץ קומט פאר, שבת, דעם 14-טען ד. ח. 4.30 נאכמ. א דיסקוסיאנס-פערזאמלונג איבער די פראבלעמען פון דער קאנפערענץ.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון צחייטען שניידער-צעך.

זונטאג, דעם 22-טען ד. ח. פונקטליך 6 א זייגער אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל אלעע 12 די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון די מיטגלידער פון צווייטען שניידער צעך אין טשענסטאכאו מיט'ן געהעריגען טאג ארדנונג.

אלע מיטגלידער זענען פערפליכטעט צו זיין אנוועזענד.

קאנפערענצען אין מאגיסטראט.

קיין טשענסטאכאו איז אנגעקומען דער דעלעגאט פון אינערן-מיניסטעריום נאטשעלניק קונצעוויטש און ראדצא מאטאל פון דער וואיעוואדישער זעלבסט-פערוואלטונגס-אבטיילונג. די דעלעגאטען האבען אבגעהאלטען א לענגערע קאנפערענץ אינ'ם ענין פון בעשטעטיגטען און צום בעשטעטיגען דעם פארגעשטעלטען בודזשעט אויפ'ן יאהר 36—1935.

אפערעטען-טרופע מיט גיזי היידען און שלמה פריזאמענט.

די ערשטקלאסיגע אפערעטען-טרופע מיט דער פלאם-פייערדיגער סובּרעטין גיזי היידען און כאראקטער-אקטיאר שלמה פריזאמענט קומען אויף 3 טעג צו אונז קיין טשענסטאכאו.

נישט שטענדיג האבען אונזערע טעאטער-בעזוכער די מעגליכקייט צו זעהן א ערשטקלאסיגע פארשטעלונג, דאס מאל קומט די טרופע אנגעלאדען מיט'ן נייעסטען אפערעטען-רעפערטואר, וועלכע האבען געהאט דעם גרעסטען ערפאלג אין אלע אויסלענדישע צענטערס און אין ווארשא געשפילט סעזאנען נאך דער ייה.

די טרופע קומט בלויז אויף 3 טעג, ווייל זי פאהרט אין טורנעע און עס ווערט דעריבער געגעבען יעדען טאג א נייע אפערעטע.

מאנטאג, דעם 16-טען ד. ח. די מעלאדישע אפערעטע מיט מוזיק פון שלמה פריזאמענט „אין גארטען פון ליבע".

דינסטאג, דעם 17 ד. ח. סענסאציאנעלע אפערעטע פון סאלאנען-אונטערוועלט-לעבען „נאכט-גנבים" (נאך 12 ביינאכט).

די פיעסען זענען פול מיט די בעסטע מוזיק, געזאנג, טענץ, דעקאראציעס און קאסטיומען, ווי אויך אנ'אייגענער ארקעסטער. עס נעמט אנטייל אנ'ערשטקלאסיגער אנסאמבל.

מען דארף האפען, אז די פארשטעלונגען וועלען אויפמונטערען אונזער פעראומערטען, טאג-טעגליכען גרויען לעבען אין דער היינטיגער צייט.

די פארשטעלונגען קומען פאר אין קינא טעאטער „אטלאנטיק".

א מתנה אויף חנוכה.

ווער האט זיך נישט פערטראכט, וואס צו שענקען אויף חנוכה אדער צום געבורטסטאג דעם אונטערוואקסענדען זוהן אדער ברודערן-קינד, דעם אייניקעל אדער שוועסטערן-קינד, און די מתנה זאל זיין א נוצליכע? וויפיעל מתנות געהען, ווי יעדער ווייס פון זיין אייגענער ערפאהרונג, לאיבוד, ארויסרופענדיג בלויז א מאמענטאלע פרייד. נישט אלע אבער ווייסען, אז א מתנה פאר דער יוגענד דארף זיין א ערציהערישער שריט און דארף וועקען די שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיגקייט. און דעריבער איז די קליגסטע און אמליבסטע בעגריסטע מתנה—אנ'אבשפארונגס-אדער פרעמיע - ביכעל פון פ. ק. א. מיט א ווקלאד, וואס זאל זיין דער אנהויב פון ווייטערע אבשפארונגען. דאס איז דער בעסטער וועג איינצופלאנצען אין דער יוגענד אכטונג פאר די אייגענע און פרעמדע אבשפארונגען און ארבייט.

פון דער יודענשטאאטס - פארטיי.

זונטאג, דעם 22 דעצעמבער 1935 י. וועט ווייל'ען אין טשענסטאכאו דער וויצע-פרעזידענט פון דער וועלט-עקזעקוטיווע פון דער יודענשטאאטס-פארטיי, אדוו. ברוך וויינשטיין פון תל-אביב.

אדוו. ב. וויינשטיין וועט דעם זעלבען טאג אין אווענד אויפטרעטען אין איינעם פון די היגע זאלען מיט א פאליטישען רעפעראט א. ד. ט.:

„די פאליטישע לאגע אין ציוניזם נאכ'ן 19-טען ציוניסטישען קאנגרעס".

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אז נאך דעם 19 ציונ. קאנגרעס וועט דאס זיין דער ערשטער עפענטליכער אויפטריט פון א פיהרענדע ציוניסטישע פערזענליכקייט מיט א וועלט נאמען ביי אונז אין שטאדט.

———

היינט, פרייטאג דעם 13 דעצעמבער פונקט. 8 אווענד, קומט פאר אין אייגענעם לאקאל אלעע 8 א שיחת-חברים.

מארגען שבת, דעם 14 פונקט. 3 נאכמ. קומט פאר א פרעסע-איבערזיכט פון דער גאנצער וואך.

———

עס ווערען נאך אנגענומען איינשרייבונגען אויף די העברעאישע קורסען, וועלכע קומען שוין פאר רעגולער 2 מאל וועכענטליך.

אויך ווערען אנגענומען איינשרייבונגען אויף ענגלישע קורסען, וועלכע וועלען זיך שוין אנהויבען אין די נעכסטע טעג.

א הנחה-פארשטעלונג אין קאמעראל-טעאטער.

מאנטאג, דעם 16 ד. מ. האלב 9 אווענד ווערט אין קאמעראל-טעאטער געגעבען א ספּעציעלע הנחה-פארשטעלונג פון סלאוואצקי'ס „קארדיאן" לטובת דער קינדערהיים א. נ. פון י. ל. פרץ.

די קליינע צאהל בילעטען צו בעקומען פון 7 אווענד אין דער קאסע פון טעאטער.

פון ברית הצ"הר.

אין צוזאמענהאנג מיט דער בעפארשטעהענדער 7-טער לאנדעס-קאנפערענץ פון ברית הצ"הר האט דער פוילישער צענטראל - קאמיטעט פראקלאמירט א „לעגיטימאציע וואהל-אקציע". די אקציע דויערט בסך-הכל צוויי וואכען, פון 7 ביז'ן 20-טען דעצעמבער און די יעניגע חברים, וועלכע וועלען זיך ביז דעם טערמין נישט בעזארגען מיט קיין לעגיטימאציעס וועלען קיין וואהל-רעכט נישט האבען.

קאמוניקאט פון די סקי - סעקציעס ביים „מכבי" און „וש.ט.ק."

זונטאג, דעם 15 ד. ח. 8 א זייגער פריה קומט פאר אנ'אויספלוג פון די סקי-סעקציעס פון די דערמאנטע געזעלשאפטען קיין יאנאוו. דער אויספלוג וועט ארויסגעהן פון „מכבי". סימפאטיקער און געסט מיט שליטענס ווערען גערן געזעהן. איינשרייבונגען ביז פרייטאג האלב 10 אווענד.

פון „הכח".

פערגאנגענעם שבת איז אין לאקאל פון „הכח" פארגעקומען ביי א פול-געפאקטען זאל א פינג-פאנג-מעטש פון די דאמען-סעקציעס פון „הכח" און „יוטזשניא". דער מעטש האט זיך פערענדיגט מיט'ן רעמי-רעזולטאט 3:3. אויסגעצייכענט האט זיך פון „הכח" פרל. רוזשקא בינענשטאק.

די קאמפען צווישען די מענער-סעקציעס פון „הכח"-2—„יוטזשניא"-1 האט זיך פערענדיגט מיט'ן נצחון פון „הכח" 4:6. אויסגעצייכענט האבען זיך פון „הכח": ראזענצוויג, קעניגסבערג און שלינגבוים.

„מאסקאראדע" דער דאזיגער פילם איז הערליכער ווי „טשיבי", „פיאטרוש" און „באל אין סאוואי" צוזאמענגענומען

היינט, פרייטאג, דעם 13 ד. ח. א גרויסער יום-טוב פאר קינא-ליבהאבער! אלע געהן היינט אין קינא „לונא" אויף דער בעריהמטער „מאסקאראדע"!

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון קאמבאטאנטען - פעראיין.

זונטאג, דעם 8 ד.ח. איז אין לאקאל פון דער קהלה פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון קאמבאטאנטען-פעראיין.

אלס פארזיצער ווערט אויסגעוועהלט דר. סאבאל, בייזיצענדע: דר. י. שלייכער, דר. סט. קאהן און דר. מ. וויזענפעלד, סעקרעטאר א. מילשטיין.

נאכדעם ווי עס ווערט בעעהרט מיט אויפשטעהן און מיט דריי מינוט שטילשווייגען דאס אנדענקען פון מארשאל פילסודסקי, גיט-איבער דעם טעטיגקייטס-בעריכט, וואס נעמט ארום די צייט פון 15 אפריל ביז דעם ערשטען גרודזיען ד. י. דער פארשטעהער פון דער הויפט-פערוואלטונג א. ניעמיעץ, דעם קאסע-בעריכט גיט-אב ה' וואסערמאן.

נאכדעם ווי עס ווערט אדורכגעלעזען דער פראטאקאל פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע ווערט דעם פרעזעס דר. קאהן אויסגעדריקט א דאנק פאר זיין ארבייט און דער פערוואלטונג ווערט אויסגעדריקט אבסאלוטאריום.

עס ווערט אויך בעשטעטיגט דער בודזשעט און עס ענטוויקעלט זיך א גרעסערע דיסקוסיע וועגען שאפען א לאקאל, אין וועלכער עס נעמען-אנטייל די ה"ה: ניעמיעץ, קורלאנד, דר. סט. קאהן, דר. שלייכער, וואסערמאן, האפמאן א.א. אין רעזולטאט ווערט בעשלאסען צו שאפען א נייעם לאקאל.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רעזולטאט: אלס פרעזעס פון דער געזעלשאפט ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט דר. שלייכער, אין דער פערוואלטונג: דר. סאבאל, ב. קורלאנד (וויצע-פרעזעסען), ה. וואסערמאן (סעקרעטאר), ניעמיעץ (קאסירער), א. ראטבארד (גאספאדאזש) און די ה"ה אינזש. ק. זאנד, פרוינד, קייזער. פערטרעטער: נ. גרינבוים, י. ברזשעזינסקי, י. ווייספעלנער און ש. ליבראוויטש. אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע: דר. סטעפאן קאהן, י. ראזינער און ע. פראפארט. אין עהרען-געריכט: אדוו. דאניעל מארקאוויטש, דר. עפשטיין, ק. האסקלעוויטש און י. קארטוז.

פאליציי שרייבט פראטאקאלען.

פאליציי האט צונויפגעשטעלט פראטאקאלען פאר נישט-אבהיטען די ארבייטס-שעה'ן — 2, פאר שכרות — 1, פאר האנדלען אין די נישט-ערלויבטע שעה'ן — 8, פאר געהיימער שחיטה — 1 און פאר איבערטרעטען די פארשריפטען פון ראד-פערקעהר — 3.

א רעדוצירטער לעהרער מאהנט ענטשעדיגונג.

אין מאי פ. י. האט דער וויזיטאטאר פון קראקאווער שול-קרייז אדורכגעפיהרט א וויזיטאציע אין דער ארטיגער קריסטליכער האנדווערקער-שולע און פעסטגעשטעלט, אז די לעקציע פון מאשינען-קענטשאפטען שטעהט אויף א נידריגען ניוואו. דער דאזיגער פאקט האט געהאט טרויריגע פאלגען פאר'ן לעהרער פון דאזיגען געגענשטאנד אינזש. מאריאן קאסמאלא, וועלכען די דירעקציע פון דער שולע האט אבגעזאגט די ארבייט אויפ'ן 1 פאזדזיערניק.

אינזש. קאסמאלא האט געהאלטען, אז ער איז נישט רעכטליך געווארען אבגעזאגט און ארויסגעהענדיג פונ'ם שטאנדפונקט, אז ער האט געמאכט אנ'אבמאך מיט דער שולע אויפ'ן גאנצען שול-יאהר 1934-35, איז ער אין יאנואר ה.י. ארויסגעטרעטען אין ארבייטס-געריכט מיט א תביעה אין דער הויך פון 1640 זל., אונטערשטרייכענדיג, אז דערווייל פערלאנגט ער נור 1640 זל., ד.ה. דעם לוין פאר 4 חדשים ארבייט און בעוואָרענט זיך די מעגליכקייט פון פאדערן דעם געהאלט פאר די איבעריגע חדשים פונ'ם שול-יאהר אין דער געהעריגער צייט.

דאס ארבייטס געריכט האט אנערקענט אינזש. קאסמאלא'ס טענות פאר ריכטיג און איהם צוגעפסקנ'ט די גאנצע סומע.

געגען דעם דאזיגען אורטייל האט דער צווייטער צד אפעלירט צום קרייז-געריכט. נאכ'ן אויסהערען אינזש. קאסמאלא'ס פערטיידיגער, וועלכער האט אויפגעוויזען די ריכטיגקייט פון דער תביעה צוליב דעם גרונדלאזען אבזאגען קאסמאלא'ן פון דער ארבייט, האט אויך דאס קרייז-געריכט צוגעפסק'נט די גאנצע תביעה.

א טשענסטאכאווער איינוואוינער פערמישט אין א גרויסער בוי-אפערע.

א ספעציעלע קאמיסיע פון באהן-מיניסטעריום האט לעצטענס ענטדעקט א גרויסע בוי-אפערע, וועלכע נעמט ארום פערשידענע קרייזען און הויפטזעכליך ביים אויספיהרען ארבייטען פאר דער באהן.

צווישען די פיעל ארעסטירטע אין צוזאמענהאנג מיט דער דאזיגער אפערע געפינט זיך אויך דער היגער בוי-אייגענטימער יוזעף מאטשיגעמבא, וועלכער האט אויפגעבויט א רייהע בנינים אויף די באהן-סטאציעס צווישען טשענסטאכאוו און ווארשא. די סומען פאר די דורך איהם אויפגעבויטע בנינים שטייגען ווייט אריבער די ווירקליכע בוי-קאסטען.

די אויספארשונג ארום דער אפערע פיהרט דער ריכטער פאר ספעציעל-וויכטיגע ענינים — דעמאנט.

פון ב"עם.

היינט, פרייטאג פונקטליך 8 א זייגער אוועגד קומט פאר אין האנדווערקער-זאל א קעסטיל-אוועגד פון דער גאנצער רעוויזיאניסטישער בעוועגונג אין טשענסטאכאוו.

מיט דעם קעסטיל-אוועגד וועלען אנפיהרען פארשטעהער פון די ועדים הצ"הר, בית"ר, ב"עם און החים. איינגאנג פריי.

מארגען, שבת, דעם 14 ד. ח. 3-30 נאכמיטאג קומט פאר אין לאקאל פון ב"עם א שיחת חברים געפיהרט דורך ח' ע. יאקובאוויטש.

זונטאג, דעם 15-טען ד.ח. 8 אוועגד קומט פאר א לעקציע יודישע געשיכטע געהאלטען דורך ח' א. לענטשנער.

מיטוואך, דעם 18-טען ד.ח. 8 אוועגד קומט פאר א לעקציע ציוניסטישע געשיכטע געפיהרט דורך ח' מ. קרויזע.

עס ווערען שוין געמאכט צוגרייטונגען צו דעם חנוכה „טהעע - אוועגד", וועלכער וועט פארקומען דעם קומענדען שבת. עס איז פאראויסגעזעהן א רייכער פראגראם.

קלאבוצק בעקומט עלעקטרישע בעלייכטונג.

סוף היינטיגען חודש וועט אין קלאבוצק אויפשיינען עלעקטרישע בעלייכטונג. דערווייל וועלען דערפון געניסען בלויז פריוואטע וואוינונגען און אין דער נאהנטסטער צוקונפט, ווארשיינליך שוין אין אנהויב יאנואר, וועט דער קלאבוצקער שטאדט-ראט זיך ארויסזאגען וועגען בעלויכטען די גאסען און פעסטשטעלען די צאהל עלעקטרישע לאמפען.

א זיצונג פון שטאדט-ראט.

ווי מ'טיילט מיט, וועט אין דער אנדערער העלפט פון היינטיגען חודש צונויפגערופען ווערען די לעצטע פאר יום-טוב-זיצונג פון שטאדט-ראט, כדי צו ערלעדיגען א רייהע וויכטיגע ענינים.

אין אנהויב פון קומענדען יאהר איז פארגעזעהען דער אנהויב פון דער בודזשעט-סעסיע.

די ערעפנונג פון באקס-סעזאן אין „מכבי".

זונטאג, דעם 15 ד. ח. 8 א זייגער אין אוועגד קומט פאר אין לאקאל פון „מכבי" (קאטעדראלנע 13) א באקס-מעטש צווישען „זוויאנזעק סטושעלעצקי" פון טארנאווסקיע-גורי און היגען „מכבי".

דער דאזיגער מעטש, וועלכער וועט זיין דער ערשטער ארויסטריט פון „מכבי" אין היירעגען סעזאן, זאגט צו צו זיין זעהר אינטערעסאנט און וועט מסתמא פערזאמלען אלע היגע באקס-ליעבהאבער. דער פראגראם זעהט פאר 10 קאמפען.

בילעטען-פארפערקויף אין דער פירמע „אימפעריאל", פילסודסקי 7.

ערקלערונג.

איך, דער אונטערגעשריבענער, ערקלער, דאס מיין דערוויטערונג פון דער ארגאניזאציע איז געוואָרען ארויסגעגעבען אהן שום משפט אלס פרובט פון פריוואטען אנטאגאניזם.

יצחק אופנער.

אכטונג געזעלען!

דער קאמיטעט פאר עניינים פון יודישער מלאכה מעלדעט, אז מארגען שבת אוועגד הויבט זיך אן דער צוויי וואכענדיגער-קורס פאר די געזעלען, וועלכע האבען אין זיינער צייט נישט געהאט די מעגליכקייט צוליב געוויסע סיבות צו ענדיגען די דערגענצונגס-שולע.

אלע פעראינטערעסירטע, וועלכע וועלען זיך שטעלען צו עקזאמען-הנחות מוזען זיך שוין פערשרייבען אויף די צוויי וואכענדיגע קורסען.

דער סעקרעטאריאט ערטיילט וויי-טער אינפארמאציעס וועגען די הנחה-עקזאמענס פאר געזעלען.

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס

WORLD-RADIO
świat w domu...
Odbiornik radjowy wysokiej jakości. — Niedościgniona wierność reprodukcji.
Kryształowa czystość tonu.
Odbiór bez anteny i uziemienia.
3 zakresy fal. — 3 pentody.
Ceny przystępne. Warunki dogodne.
Zakłady Radjotechniczne
„WORLD-RADIO"
Spółka Komandytowa.
Salon demonstracyjny: II-ga Aleja 24. Telef. 25-75.
Salon demonstracyjny: Sklep Optyk-Medical II Aleja 31.

TEN KOŁNIERZYK marki

jest wygodny, elegancki i trwały

צווייטער שניידער צעך אין טשענסטאכאוו.

זונטאג דעם 22-טען ד. ח. אין ערשטען טערמין און 7 א זייגער אין צווייטען טערמין וועט פארקומען אין זאל פון האנדווערקער פערבאנד אלעע 12

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג:

1) ערעפנונג. 2) וואהלען פון א פרעזידיום. 3) טעטיגקייטס און קאסע בעריכט. 4) בודזשעט אויפ'ן 1936-טען יאהר. 5) וואהלען פון א סטארשע. 5) דריי פאר סטארשעס און 4 פערוואלטונגס-מיטגלידער. 6) פרייע פארשלאגען.

די פערוואלטונג.

„גמילת חסד" קאסע אגראדאווע 6

שבת, דעם 28-טען ד. ח. (זאת חנוכה) קומט פאר אין זאל פון „מכבי" קאטעדראלנע 13

א גראנדיעזער קאנצערט

מיט'ן אנטייל פון בעוואוסטען אבער-קאנטאר ה' אליעזר פינקעלשטיין,

וועלכער וועט אויספיהרען פאלגענדען פראגראם.

1) דער נר תמיד פון ראסקין (פאלקסליד). 2) אתה יצרת פון יאקאווקי'ן. 3) שומר ישראל פון י. ראזענבלאט. 4) אל ישראל (פאלקסליד). 5) אמר רבי אלעזר פון אליעזר פינקעלשטיין. 6) פרנסה, פון א פינקעלשטיין פאלקסליד. 7) עד של נוצרתי חסידיש. 8) דער אלטער חזן פאלקסליד. 9) אני מאמין פאלקסליד. 10) אדם יסודו מעפר, פאלקסליד. 11) וואוהין, פאלקסליד און 12) ראָש יודישע ליעד, פאלקסליד.

בילעטען פריהער צו בעקומען ביי ה' יוסף זיידמאן קאטעדראלנא 15 און אין דער דרוקעריי פון ה' באטשאן אלעע 6 און אין טאג פון קאנצערט פון 5 א זייגער ביי דער קאסע.

ביים קלאוויר ה' שמולעוויטש.

אכטונג, וויעלון!

דער בלעכער, טישלער און מאלער-צעך אין וויעלון פאדערט אויף די אלע האנדווערקער-מייסטער פון די אויבענדערמאנטע פאכען, וועלכע זענען נישט קיין מיטגלידער פון צעך צו רעגיסטרירען זייערע האנדווערקער-קארטען ווי אויך דיפלאמען, אויב זיי בעזיצען אזעלכע.

די רעגיסטראציע ווערט אדורכגעפיהרט אין דעם אויבענדערמאנטען צעך, באריטשא 15, ביז דעם 1-טען סטיטשען 1936 י., יעדען זונטאג פון 7 ביז 9 אוועגד.

מיר ווארנען די האנדווערקער דורכאויס זיך צו רעגיסטרירען, כדי אויסצומיידען די פאלגען ביי דער לוסטראציע פון די האנדווערקער-ווארשטאטען, וועלכע זאל אין דער נאהנטסטער צייט אדורכגעפיהרט ווערען.

אין זיין אייגענעם אינטערעס, איז דער חוב פון יעדען האנדווערקער זיך צו רעגיסטרירען, בכדי אויסצומיידען אונאנגענעהמליכקייטען און דערנאך נישט האבען קיין טענות צום צעך. די פערוואלטונג.

בעמערקונג: די רעגיסטראציע איז גענצליך אומזאנסט.

אין יעדען הויז דארף זיך געפונען שפיגעלמאנ'ס איבערל-אנערקענטער קאלענדאר „די וואך"
וועלכער ענטהאלט זעהר וויכטיגע אינפארמאציעס, וואס זענען נויטיג יעדען בירגער.
פאדערט איבעראל.
בעשטעלונגען נעמט אן: י. שטייער, טשענסטאכאוו 2-טע אלעע 18.

KINO „EDEN".
די שוין לאנג נישט-געזעהענע דזשאנעט געינאר אין איהר נייעסטער פאבעלהאפטער שאפונג
PRAWO do SZCZĘŚCIA
אויסער'ן פראגראם:
אינטערעסאנטע אויפנאהמעס פון אביסיניע, אקטואליטעטען פון דער גאנצער וועלט, צייכנונגען גראטעסקע און אנד.

Szkoła tańców
baletm. Kosteckiego
ul. Waszyngtona № 6.
Zapisy na kursy, lekcje pojedyńcze codziennie. Udzielam lekcji w zakładach naukowych i domach prywatnye.
Ostatnie nowości.
אכטונג: יעדען שבת קומט פאר א פראקטישע לעקציע פעריודישע געזעלשאפט. אנהויב 8 אוו. 1-קלאסיגע מוזיק

פוטערס אמביליגסטען אין דער פירמא
MICHAŁ AJDELMAN
Częstochowa Piłsudskiego 7
טעל. 13-05, 1-טער שטאק, פראנט.

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6